STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04113

GUT IZ DER MENTSH

Moshe Kulbak

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מאָישע קולבאַק

גוט איז דער מענטש

געקליבענע
לידער און פּאָעמעס

מאָסקווע
פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
1979

С (Евр)2
К 90

די לידער און פּאָעמעס, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער דאָזיקער זאמלונג, האָט מוישע קולבאק (1896—1940) אָנגעשריבן אין פארשיידענע יאָרן פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. זיי גיבן א פאָרשטעלונג, וויאזוי ס'האָט זיך אויסגעפורעמט די אייגנארטיקע באגאבונג זײַנע.

מוישע קולבאק איז ביז גאָר אָריגינעל סײַ אין זײַן שפּראך, סײַ אין דער מאניר פון מאָלן מענטשן, געשעענישן.

דערהויבענע ראָמאנטישע לידער, לידער וועגן ליבע און נאטור גייען דאָ באנאנד מיט פאָלקס־מאָטיוון וועגן מענטשן פון מי, צווישן וועלכע דער דיכטער איז אויסגעוואקסן, מיט לידער וועגן דעם לײַבלעכן ווײַסרוסלאנד.

דער בוך וועט באקאנט מאכן דעם לייענער מיט די אמערסטן פּאָפּולערע ווערק פונעם שרײַבער, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער בילדערישקײַט און אידייִש־קינסטלערישן פארטראכט.

К $\frac{70403—375}{083(02)—79}$ 319—79. 4702200000

שיקערע
פארטאָגן

וועלפישע לידער

1

איך וויל מײַנע וועלפישע לידער דערציילן
פאר מײַנע פיר איילן, פאר מײַנע פיר איילן.
ס׳איז ליימיק מײַן אויער, צעפּאטלט און גרויס,
און ער האָרכט, וואָס דאָס הארץ וויינט ארויס.
וויי, וויי, פאר אן אומריינעם וועלפישן געהויל
איז נישט פּאסיק דאָס מענטשישע מויל.
כ׳האָב א גרינלעכן פלאם, וואָס ס׳פארשווארצט אים
דעם בליק,
און א הונגער, וואָס צוקט אין געביין;
כ׳האָב א לוגיקן טראָט,
און א קנאָכיקן הארטן געניק. —
היי,
כ׳וועל דערציילן מײַן פּײַן פאר די וועלף.

2

בלוי צינדט זיך דער שניי אויף דער פּאַספּאַרנער געגנט,
ווײַ, ווײַ,
ס׳האָט אַ וואָלף מיט דער וועלט זיך געזעגנט:
„איך פײַף אויף דעם וועלפישן שטאַם,
ווײַל אַ וואָלף איז נאָר איינער:
איר, איר, כ׳האָב געבראַכט אײַך דעם גיפט,
געמיינט, אַז מע שפּײַט, ווען עס האָט נאָר געקלונגען —
איר האָט מיך פאַרוואָרפן מיט שטיינער.
ס׳איז אַ וואָלף ניט קיין וואָלף, ווען ער טראָגט נאָך
די פעל אויף די ביינער״.
בלוי צינדט זיך דער שניי אויף דער פּאַספּאַרנער געגנט,
ווײַ, ווײַ,
ס׳האָט אַ וואָלף מיט דער וועלט זיך געזעגנט.

3

ציט׳ריק באטאפּט די לעוואָנע די פּעלדער,
עס כוואַליען זיך גרינע די שנייִקע פּליינען,
און ס׳שטאַרצן פון טיפעניש קאַלטע, צעפּאַטלטע וועלדער...
פּעדערלעך איינציקע ווייען, פאַרווייען,
און ווײַט, העט־ווײַט, גלאָצט אַרויס פון די טרוקענע שנייען
א קנאָכיקער וואָלף א געמיינער
דורך גרין אופגעשניטענע אויגן,
א וואָלף זויגט אַרויסעט דאָס בלוט פון די אייגענע ביינער
און וואָיעט, און וואָיעט, און וואָיעט
צום הימל געצויגן...

4

הײַ, הײַ, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופּרינעטן!
און דאָס גראָבע האַרץ דאָס שרײַיקע.
איך וועל אוועק צום דאָרף דעם אויסגעמאַנדאָלינעטן
און אַף די פעלדער, אין די גערטנער די מײַיִקע
אַ טאַנץ טאָן העפקערדיק, און טרויעריק, און שטומערהייט
אַ שרײַ טאָן! שרײַען מיט אַן אָטעם אַ פאַרכלינעטן
פון יעדן קוסט, פון הינטער יעדן בייט:
הײַ, הײַ, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופּרינעטן!

ווײַל ס׳קלינגען הונגער־טעג, ווי קייטן בלײַיקע,
און ס׳זינגען פרײלעך קייטן צו איבעראַיאָריקע...
הײַ, הײַ, אַט דאָס גראָבע האַרץ דאָס שרײַיִקע
קערט זיך, ווי אַ וואָלפיכע, אין ברוסט אַ האָריקע.
איך וועל אוועקיאָגן אין וואַלד אַף אַלע פיר,
אַ טאַנץ טאָן העפקערדיק, און טרויעריק, און שטומערהייט,
און פון דעם קרומען מויל דעם אויסגעמינעטן
וועט טויב אַרויסשרײַען דער וואַלד פון מיר:
הײַ, הײַ, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופּרינעטן!

5

היי, א וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
ברעכט האלדז און געביין,
היי, א וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
טראָגט די גאל אין די ציין.

און ער וויינט אף די וועגן יעסעניקע
אָפּגעמאָרעט אין פּיין,
און ער וויינט אף די וועגן יעסעניקע:
אלץ איז מײַן! אלץ איז מײַן!

און ער וואָיעט באנאכט צו די פײַערן
פון הינטער א פּלויט,
און ער וואָיעט באנאכט צו די פײַערן:
גיט ברויט! גיט ברויט!

היי, א וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
ברעכט האלדז און געביין,
היי, א וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
טראָגט די גאל אין די ציין.

1920

* * *

װעלט!
אין טויזנט פּענעמער פֿאַרשטעלט,
איך גײ צו דיר אַף טויזנט װעגן —
װוּהין? איך װײס ניט װוּ...
איך װיל אינגאַנצן דיך פֿאַרמײַנעטװעגן,
איך — בין דו!
דער פֿרישער רוף
פֿון דײַנע זאַפּטיק־רױע פֿלײצן
רינט טיף אין מײַן געמיט,
איך װיל אַרומנעמען דײַן מעכטיק־װילדן גוף
פֿון פֿלאַנצן
און געשטײנער
און פֿאַלנדיק צעקושן דײַנע טריט
און האָבן דיך אינגאַנצן.

װעלט!
איך גײ אַ שיכּורער דײַן גוטס אַנטקעגן,
פֿון אַלץ זיך אױסגעטאָן,
און הפֿקרדיק, מיט זיך,
צעשטראַלט, צעהעלט, —
איך גײ אַף דײַנע טויזנט װעגן,
דו — ביסט איך!
די שײַן פֿון צײַטן
אין קערפּערס שװערע אַ פֿאַרפּרעסטע,

ווי אלטער ווײַן אין ליימענעם געשיר,
פלייצט קלינגעוודיק פון טיפן און פון ווײַטן.
א לויטער־ברויזנדער אָרקעסטער
האָט אויסגעקוועלט
און ברויזט אין מיר.

וועלט!
איך וויל צעגאַנגען זײַן אין טיפן ניגן, —
פון הויט און ביינער
אויסגעטאָן,
זיך ציטערדיק צעוויגן —
א לויכטנדיקער טאָן,
כאָטש כ׳מעג א שטיין פון דײַנע שטיינער
אף א בעסוילעם ליגן...

יאַנוואַר 1920

אסאָרע דיבראיע

געהאט האָט דער זיידע א קאָרעוו א טרײַבער פון בערן,
א ייִד, וואָס פלעגט מאכן קאָנצערט אף די גרויסע יארידן.
דעם בער פלעגט דער קאָרעוו באטאָג אף די קייטן פארשמידן,
באנאכט פלעגט ער טאנצן מיט אים בא דער שײַן פון די שטערן.

מע האָט אים געגעבן דעם נאָמען אסאָרע דיבראיע,
די קנאָכיקע הענט ביז די קני, מיט א שארבן א גלאטן,
אן אלטער פארשלומפּערטער קאָפּ אף א גוף א האָרבאטן,
און דאָס האָט געטראָגן מיט פעל און מיט שווייס, ווי א כײַע.

איז ער געגאנגען באנאכט מיט דעם בער אף די וועגן;
אסאָרע פּאָרויס, און דער בער פלעגט אים הינטן באגלייטן,
און טאָמער א באָרוועסער פּויערל קומט זיי אנטקעגן —
א בורטש האָט געגעבן דער בער און א קלונג מיט די קייטן.

עס זײַנען געשטאָרבן פון פּײַן בא אסאָרען די ווײַבער;
באנאכט פלעגט ער אויסטאָן זיי נאקעט און אָנהייבן שלאָגן,
דאן האָט זיך געהערט אפן דאָרף א פארטײַעטער קלאָגן
און כעוורע־קאדישע פלעגט וואשן דאָס בלוט פון די לײַבער...

דאָס דרײַצנטע ווײַב האָט געשעמט פאר א וועדמע אין ליטע,
זי האָט אים א טאָכטער א יאָר נאָך דער כופּע געבאָרן,
אסאָרע דיבראיע האָט אויסגעצאפּט שטיל אירע יאָרן,
מע האָט פון דער וועדמע די ביינער געלייגט אף דער מיטע.

געווען איז אסאָרע דיבראיע א טרײַבער פון בערן,
א ייִד, וואָס פלעגט מאכן קאָנצערט אף די גרויסע יארידן.
דעם בער פלעגט דער קאָרעוו באטאָג אף די קייטן פארשמידן,
באנאכט פלעגט ער טאנצן מיט אים בא דער שײַן פון די שטערן.

* * *

איך בין ארויס אין פעלד מיט שווארצער ערד זיך נערן.
דאָס לעבלעך גאָלד האָט זיך צעשפּריצט פון טיפן בלוי, ווי פּערלדיקע טרערן;
דער שניי, ווי טיכער וואָלענע, האָט קראַנק געעטעמט אין די קילע טאָלן,
און ס׳האָט דאָס פעלד געמורמלט פון זײַן שלאָף און טיפערהייט געקוואָלן...

איך האָב זיך צוגעהערט צום טראָפּן־פאַל מיט א פאַרבאָרגענעם ציטער:
עס טוט זיך וואָס אין פרייד. עס שעפּן זאַפט די נאַקעט־פּעטע ריטער;
בעריאָזקעס האָבן עפּעס טיפע גוטס פון זיך ארויסצוזאָגן;
און שווערע דעמבעס קעכלען זיך: די אלטע ביינער דאָך דערטראָגן!

רויִק שלעפערן די גרינע נעסט־שטיבלעך אף הויכע ביימער,
מיט פויגל־מיסט פאַרפלעקטע... ס׳בלויט. ס׳ווערט גרינגער און גערוימער,
ס׳קוועלט מיט קנאָספּן שיקערע, מיט פײַכטער ערד און רויע צווײַגן,
ס׳פליעסקעט זיך דאָס פרילינג־גאָלד אין הארץ, אז ס׳גלוסט זיך שווײַגן...

* * *

עס זויפט דאָס הארץ דײַן שווארצע שײַן
און רײַסט זיך ווי א וואָלף פון שטײַג,
נאָר ס׳איז מײַן צונג געליימט פון פּײַן,
און כ׳שווײַג.

איך שווײַג... דער פלאם פארשליסט דאָס מויל,
נאָר זײַ מיר מויכל פאר דער שאָ,
ווען אין א פײַערדיקן קנויל
מיר וואלגערן זיך דאָ.

זײַ וויסן! כ׳בין א זון פון די,
וואָס צינדן שטעט און בלענדן און פארסאמען,
וואָס ליבן נאָר דעם אינדערפרי,
און ליבן פלאמען...

* * *

ס׳האָט אופגעשוימט אין מיר דער אלטער ווייַן
פון גרונט ביז גרונט.
עס שפריצט מייַן פרייד, פון טויזנט קוואלן שטראָמט די שייַן
אדורכן אופגעפראלטן שפונט...

איך שלינג די מידע וועלט, דעם מענטש מיט האק און פאק,
און מיט זייַן גאל און טויבן־בליק.
כ׳בין זון, כ׳בין טוי. כ׳גיי אום א דעמב אין פראק.
איך בין דאָס גליק.

דאָס שפרודלענדע געזאנג פון ווערן, וועלן זייַן
פון מיר האָט אויסגעהעלט;
ס׳האָט אופגעיוירט אין מיר דער אלטער ווייַן,
כ׳בין שיקער פון דער וועלט!

צווישן פעלדער

באגינען. אין וועג, צווישן פעלדער,
א ביס פון דעם ברויטל — דעם הונגער געזעטיקט,
און ווײַטער געײַלט זיך אין וועג.
כ׳האָב קיינמאָל צו גאָרניט פארשפעטיקט.

גוט, אזוי גוט איז צו זײַן אונטערוועגנס,
אָט גלאט אין דער וועלט ארײַן שפּאנען און שפּאנען,
סײַ שאבעס, סײַ וואָך צווישן פעלדער און וועגן,
דו ווייסט ניט ווּהין און דו ווייסט ניט פונוואנען.

און טרעפסטו א פּויער אן אלטינקן ערגעץ,
באקלאָגסטו זיך אים אף דעם מאזל פון מענטשן:
„טשי טשויעש, מאנילא, זיי עסן קעסיידער,
און מיר — איך און דו — דארפן בענטשן״...

נאָר ס׳ענטפערט דער פּויער: „עך, דורען, טי דורען,
וואָס איז ער, דער מענטש? — א צעבראָכענער שארבן!
זיי פּוצן די שטיוול און טראָגן די שניפּסלעך,
נאָר סאָפּקאָלסאָף מוז מען דאָך שטארבן״.

„בײַקעס, ברודער, בײַקעס, —
ענטפער איך שוין מיט היסליײַוועס, —

שעם זיך, כלעבן, בראט מאנילא,
הער זיך איַין צו דעם ארומעט
אף טשיקאוועס:
ס'טראלאלײַקען באלאלײַקעס
אין די דערפער אין די שטילע,
דאָך איז עפּעס אזא אומעט!
עך! ס'איז עפּעס אזא אומעט...

גייסט און גייסט,
פרעג דיך ווען און פרעג דיך ווּ,
ארום דערפער, ארום שטעט,
און דו ווייסט ניט, און דו ווייסט,
ווער ביסטו און וואָס ביסטו...

אף דער גרויסער, רויער ערד
פיטערט מען זיך אָט אזוי,
ווי בעהיימעס און ווי פערד
און מע וואקסט מיט יעדן טוי...
ס'טרעפט — מע נעכטיקט אין א שײַער
סטאם אזוי, אף לײַטס בראָט,
פלוצלינג ווערט דיר עפּעס טײַער,
ס'מאכט ניט אויס,
צי דער טײַוול, אָדער גאָט.

גייסט ארויס: —
סארא הייליקער באגינען!
ראָז און ראָז און מער ניט ראָז,
סײַ די שווארצערד, סײַ דאָס גראָז...

פאלסטו צו צו רויער ערד;
ווערסט פארשיקערט פונעם מיסט,

פונעם זאַפּט, וואָס פליסט
און יערט,
און שרײַסט אויס פון גאַנצער ברוסט:
ס'איז אַ וועלט אַזאַ פאַראַן!
און איך, דער נאַר, האָב ניט געוווּסט...

1919

וועסנעדיקס

ס׳ליגן ברייט, ס׳ליגן גרויס מײַנע באַרוועסע טריט
אף דעם פעלד אף דעם שווארצן.
ס׳איז מײַן לײַב אַט די ערד. כ׳בין א ראָזעווע ליד
פון איר הארצן.

שטראָמיק כליופּעט מײַן הונגעריקער גאנג אינדערפרי.
כ׳שפּרייט פאנאנדער די הענט.
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!
ס׳האָט די שטראליקע וועלט ניט קיין ווענט.

היי, אהינטער די פיס, וואָס צעטרעטן מיך,
א לויב צו דעם שיקערן לעבן...
איך שפּרײַז און איך לאַך אין א יעטווידער טיר:
האָט איר גאָרניט געזען?
האָט איר גאָרניט געהערט?
ס׳האָט די וועלט זיך מיר אונטערגעגעבן...

א דודע

(דאָס קלאָגליד פונעם אלטן רײַס)

דו־דו־דו־דו,
דו־דו.
דו־דו־דו־דו,
דו־דו,

1. מאזל

היי, כ׳וועל אופשפּילן מײַן בידנעם מאזל אף דער דודע,
דו־דו־דו.
און כ׳וועל צוקרעכטשען מיט קרעכטשענסאָוועס פונעם ברוינעם וואלד,
און כ׳וועל צוזיפּצן מיט זיפּצן,
ווי א ריי פון בושלען פליענדיק צום גרינעם יאם.
אָ, וועלכע קאָרטשעס זײַנען אומגעפאלן ניט פון שטורעם־ווינט?
— די צײנער פון מויל.
און וואָס איז ווײַס געוואָרן, ניט געוויסטערהייט?
— מײַנע פאטלעס האָר.
און וועלכער לאנגער פיש איז פארבליבן אָן א טײַך?
— איך, דער דודער פון רײַסן.
דו־דו־דו־דו.

2. ראָב

באַגעגנט באַם ברעג פון וואַלד האָט מיך אַ ראָב — ווײַס ווי שניי,
וואָס איז געשטאַנען באַם זײַט פון ברעג און געקוקט אויף מיר.
איז ער ווײַס געוואָרן פון פּײַן, דער ראָב דער פינצטערער,
איז ער אַ שאָליעך אויסצולויגן, אויב די געטער האָבן אונדז פאַרלאָזן?
און הער זיך אײַן, הער זיך אײַן,
וואָס רופט אַזוי די גרויע קוקאַווקע פון וואַלד?!
אָ, מיכײַלאָ! מיכײַלאָ! —
ניט זי רופט, די גרויינקע, נאָר זי זאָגט פאָרויס:
— עס וועט אונטערגיין דער אַלטער שייוועט פון די רײַסן,
עס וועט ניט איבערבלײַבן אַ פויערל פון זיי,
ניט אַ שטיין פון אַ כאַטע, ניט אַ קאָרטש אין פעלד.
דו־דו־דו־דו.

3. ווילִיע

כ׳בין געלעגן באַ דער ווילִיע. זי האָט געטרונקען, די מאמעשי, פון דער לעוואָנע.

כ׳האָב ארויסגעקוקט און געפרעגט באַ איר:
צי וועט ביאַלון, ביאַלון[1] אונדז ניט צעָרענען?..
אָ, ער זיצט שוין ניט אף די שטערן, ביאַלון,
און ער שווימט שוין ניט אין די הימלען,
ווי א העכט א זילבערנער, ווי א שלײַען א גילדערנער...
דו — באַ וואָס זײַנען מיר געבליבן? דו־דו־דו.
מיר זײַנען געבליבן באַ אן עמער, וואָס מע קאָן מיט אים ניט שעפן,
באַ א לאָפּעטע, וואָס מע קאָן מיט איר ניט גראָבן,
און באַ א וואסער, וואָס מע קאָן עס ניט אריבערגיין.
היי, דו־דו־דו־דו.

---

[1] א פערסאָנאַזש פון דער ווײַסרוסישער פאָלקס־מיפּאָלאָגיע.

4. בערד

יעזוס האָט געהייסן אונטערשערן די קודלאטע קערק,
דו־דו־דו־דו.
יעזוס האָט געהייסן אונטערשערן די לאנגע בערד,
אָ, וויי, כ׳האָב קוים די דרײַצן האָר אונטער דער גאָמבע
אויסגעכאָליעט,
ווײַל א באָרד גיט כאָכמע צו דעם מענטשן.
און איר, איר אלטע רײַסן, איר בעקאָוועדיקע,
הענער אָפגעקראָכענע, פעלדער אָפגעקאָסעטע,
זעט די געטער צו.
ס׳האָט ביאלון געלויכטן מיט דער קאלטער באָרד,
און אליין דער יעזוס טראָגט א בערדעלע א בלאָנדע —
דו־דו־דו־דו.

5. פאַנטעליי, יעמעליאַן און טיט

פאַרוואָס שוויַיגט אַף דער אַסיפּע פאַנטעליי פון קריוויטשי?
ער וואַרעמט הינטערן אויוון די לאַנגע באָרד, די געלע באָרד.
און פאַרוואָס שוויַיגט יעמעליאַן פון קאָבילניק, דער הויכגעוויקסיקער?
באַלאָדן שטייען זיַינע קיַילעכדיקע בינשטאָקן,
און די ציגן זיַינע ברענגען אים זיבן מאָל זיבן.
און דו, טיט פון לוהאַוויע, דו הוליאַקע,
פונעם שווערן קופּל טרינקסטו בראַנפן אַף די כאַסענעס,
און דיַין דודע וואָיעט, וואָיעט, ווי א וואָלף.
אָ, זאָל מען אָנזאָגן אין לאַנד, אַז ס׳איז ביאַלון אוועקגעגאַנגען,
מיט דער טאָרבע אַף דער פּלייצע
און מיט דעם שטעקן דעם בעריאָזעוון אין האַנט...
דו־דו־דו־דו.

6. פּאַרוואַנדלונג

אַף די פעלדער קלאָגן די קורהאַנען, אַף די בערג — די פּירשטלעכע קוואָרים,
אין די וועלדלעך די אָלכאָווע באַוויינען דעם גורל פון רייסן
די צונויפגעהויקערטע שאָטנס פון די אָוועס.
דו־דו־דו־דו.
אָ, איך וועל אַליין מיר אויסגראָבן אַ קייווער באַ דער ווילִיע,
און כ׳וועל אַ ליאַק מיט בראַנפן מיטנעמען צוקאָפּנס;
די קאָסע — צו דער רעכטער זייַט,
די דודע — צו דער לינקער זייַט,
און ווי דאָס פויערל, וואָס איז געוואָרן אַ בוטשאַן,
און ווי אָליעמינקע די סאָווע,
וועל איך אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויען שטיין.
היי, דו־דו־דו־דו.

7. יעזוס

ער איז געגאנגען בא די פעלדער, דער גאָט פון יערושאָלאים.
מיר זײַנען אים ארויס באגעגענען מיט ברויט און זאלץ.
דו־דו־דו־דו.
עס האָט דער נײַער גאָט בא אונדז געפרעגט:
— ווער איז אײַער טאטע?
ווער איז אײַער מאמע, ווער — די ברידער אײַערע?
אָ, אונדזער טאטע איז דער וואלד, דער יאדלאָוועער,
אונדזער מאמע — די ווילִיִע אין זײַדענעם קלייד,
און די ברידערלעך — דער ברוינער ראָב און די סאָוועו! —
ער האָט אויסגעצויגן דעם לאנגן פינגער צום הימל,
נאָר מיר האָבן דאָרטן גאָרניט געזען...
דו־דו־דו־דו.

8. פאַנטעליי, יעמעליאַן און טיט

אָ, איר קומט ארויס פון די כאַטעס באַווײנען אונדזער שייוועט,
דו, פאַנטעליי פון קריוויטשי,
און דו, יעמעליאַן פון קאַבילניק, און דו, טיט פון לוהאָוויע.
דו־דו־דו־דו.
ביאַלון וועט ניט איבערקערן דעם גאָלדענעם בעכער זײַנעם
די פעלדער אָנצוטרינקען מיט א גרינעם ווײַן.
און באַלד, באַלד
פאַרשליסן וועלן זיך אונדזערע אויגן פון זען,
ווײַל עס קלאָגט דער דעמב,
די אספּע איז מיט בלוט פאַרלאָפן אונטער דער קאָרע
און דער בושל שלאָגט מיך מיט אן אײַזערנעם שנאָבל אין האַרצן.
מיכײַלאָ! מיכײַלאָ!
דו־דו־דו־דו,
דו־דו,
דו־דו־דו־דו,
דו־דו.

איך בין א באָכער א הולטײַ

איך בין א באָכער א הולטײַ,
האָב איך מיר א שטעקן,
טרײַ־רײַ־רײַ, טרײַ־רײַ־רײַ,
כ׳שפּאַן אין אלדי עקן.

קום איך צו א קרעטשמע צו,
קלאַפּ איך אָן אין טויער,
— ווער ביסטו? ווער ביסטו?
ענטפער איך: — א גייער.

— ליידיקגייער, אזוי פריִ!
כוצפּעניק פארשײַטער... —
טריי־ליי־לי, טריי־ליי־לי,
און איך גיי מיר ווײַטער.

קום איך צו א ברונעם צו,
כ׳טרינק זיך אָן מיט וואסער,
שטיי איך אין דעם מאָרגן־גרוי,
ווי א האָן א נאסער.

פאָרט א פויערל פארבײַ.
— טצאָ טשיבאטש נא סוועטשיע? —
ווייס איך ניט און טו א ברײַ:
— סוועטשיע? — פּעטשע מעטשע...

זומער

ס'האָט הײַנט די וועלט זיך אויסגעוויקלט ווידער נײַ:
דער גראָבער קנאָספּ, די פולע ערד, די גרינע שושקערײַ.
ס'האָט אַלץ געציטערט, ווי דאָס שטײַפע מיידל־לײַב
פאַרציטערט ווערט פון שאַרפער פרייד באַם ווערן ווײַב.
און איך בין, ווי אַ קאַץ, געלעגן אויף דער מיט פון פעלד,
וווּ ס'האָט געשפּריצט, געבליצט, געפינקלט און געהעלט.
איין אויג פאַרשמירט מיט זון, דאָס צווייטע — צוגעמאַכט,
כ'האָב שווײַגעוודיק געקוואָלן, שווײַגעוודיק געלאַכט.
אַריבער מײַלן, פליין, און וואַלד, און טאָל —
דאָ וואַלגער איך זיך אום — אַ האַרטער בלאַנקער שטאָל.

פײַערלעך
קליינע

טישרײַ

עס האָט אין טישרעדיקן לאַנד אַ קאַלטער פּלאַם אַראָפּגערעגנט.
פֿונוואַנען פֿלייצט דער טונקלער, ברוינער גאָלד, פֿונוואַנען?
ווי קאָן איך איצטער ערגער זײַן פֿון וואָגלענדע בוטשאַנען
אין אונדזער געגנט.

קראַנק בין איך, אָ, קראַנק אין טעג די שאַרלעך־דינע,
און כ׳גלייב: אַף אָט די לאַנגע, רויטע הענט פֿון ביימער
בין איך אופֿגעהאַנגען איצטער איינער
אַף מײַן געל־געוואָרענער טשופּרינע.

אָ, טישריי, טישריי... ס׳ליגט דײַן רײנע האַרץ אינצווייען,
בלוטיק, ווי אַ קאַוועצנע צעשניטן,
און זע, און זע דעם קילן פֿלייצנדיקן בלוי אינמיטן,
וואָס די ווילדע קײַקלט דורך אין שטאָליק־שטילע ווייען...

אָ, טישריי, טישריי... איך האָב דיך ברייט באַגעגנט
און כ׳טראָג זיך שווימענדיק אין גאָלד דײַנעם פֿונדאַנען,
ווי קאָן איך איצטער ערגער זײַן פֿון וואָגלענדע בוטשאַנען
אין אונדזער געגנט.

* * *

א שטיל געזאנג אין אָוונט־בלוי, ס׳איז דאָ א שאָ...
דעמאָלט שווימען בלויע שיפן אין דער וועלט,
דעמאָלט ווערן אויגן לױטער אויסגעהעלט,
און ס׳איז די וועלט פאַראַן און ס׳איז די וועלט ניטאָ.

דעמאָלט פאַלן שטילע ווערטער, שטילע טפילע־רייד:
ס׳לײַכט די זעלע אויסגעלײַטערט פון דער טונקלער שייד.
שטיל. עס הייליקט זיך דאָס לעבן צײַט׳ריק אומעטום.
פינצטער־מיד אין פרעמדע לענדער גייט א מענטש ארום.

* * *

עלנט ליד, דו זוכסט דײַן רו
און ציטערסט ווי א מירטנבלאט,
פון כוואליע אויס אף כוואליע צו
א זעגל בלאָנדזשעט מיד און מאט.

פארשטיקטע טרער פון הארצן טיף
און שטומער הארבסטיקער געוויין,
אין קרײַעס אײַז א שווארצע שיף
פארפראָרן בלײַבט אף אייביק שטיין.

דאָס בלוט פון וווּנדן רינט און רינט,
עד, ווייטעק, הארץ! די יוגנט ווייט...
אין ווערבעס ווײנט באנאכט דער ווינט
און קלאפט אין פענצטער שטילערהייט.

געשרייען

צום הימל גייט אויף באדערנאכט א געשריי:
אָ, וואָס טוען מיר, גאָט, אַף דער ערד?!
דער מאלעך באם הייליקן טויער, גענויגט אַף דער שווערד,
פארברעכט זײַנע פליגלען פון וויי.

צום הימל גייט אויף באדערנאכט א געשריי...

צו כצאָס הוישײַנע־ראבע ווערט שטיל מיטאמאָל,
די פעלדער פון שטערנדלעך פינקלען און ווימלען...
דאן קלאָגט אין דער נאכט זײַן פארבאָרגענער קאָל:
„אָ, וואָס טו איך אליין אין די הימלען?!"

* * *

איצט איז נאָך מײַן שטיבל באהאנגען מיט אײַער
און ס׳גיסט נאָך די שקיִע איר ווײַן אין די שויבן.
אָ, ראָזיקער עלנט! איך שטיי בא דעם פענצטער
און שיק אין די פעלדער פאנאנדער די טויבן...

עס ווען דאָך זעגער דערפילן מײַן שטיבל,
וואָס שטייט שוין פון לאנג בא דער זײַט פון די וועגן,
און איינער א גרויער וועט זאָגן: אָט לאָמיר
זײַן איינציקן בריקל צום לעבן אָפּזעגן...

דאן וועל איך דאָך מוזן אוועק אין די פעלדער,
ווו ס׳ליגט אין די ברעגן א טײַכל א קאלטער,
און הערן, ווי וועלן צו וועלן דערציילן:
„אָט גייט ער, דער כאָרעווער באָכער, דער אלטער”...

* * *

דאָס רעגנדל טריפט
אזוי פינקלענדיק־פײַן,
ווער האָט געהייסן
אונדז קינדערלעך זײַן?..
שטילינקע מײַן!

פון פרישן און ווארעמען
בערגעלע מיסט
דאָס הענדעלע ווײַס
האָט אונדזביידן באגריסט,
און ס׳האָט אים דאָס ריטשקעלע
איבערגעמישט...

— אמאָל איז געווען
א שעפסעלע שיין,
א שעפסעלע קליין,
איז עס געווען
אליין און אליין...
ס׳איז עמעס, צי ניין?

„ניין".

— איז עס געווען
א ציגעלע קלאָר,

מיט גילדענע גלעקלעך,
גילדענע האָר...
„פּרישינקע גלעקעלעך
ליב איך ביז גאָר!"...

— שוועסטערל, ווייסט ניט ווו אויס און ווו
אײַן,
ווער האָט געהייסן
אונדז קינדערלעך זײַן?
שטילינקע מײַן!..

* * *

דער נאַכט־געוועלב איז אויסגעגאָסן קאַלט און רונד
דער שטאָט אַרום.
פֿאַמעלעך בלוטיקט שטיל און שווער מײַן פֿרישע ווונד,
דאָך בלײַב איך שטום.

א פֿרעסטל הילכט. צוזאַמען מיט דעם בלויען רוים
טרינק איך די קעלט.
און כ׳שווײַג פֿאַרשלאָסן אין די היילן פֿון מײַן טרוים
אין אייגנוועלט...

* * *

װען כ׳האָב פֿאַר זיך דעם לעצטן טויער
צוגעמאַכט,
האָב איך אָװעקגעשיקט דעם שטילן טרויער —
געקלונגען, טיף געקלונגען
האָט די נאַכט.

דער װײַסער פּאַלאַץ פֿונעם טויט
װעט שטוינען איינזאַם אין דעם מאָרגנרויט.

באַגינען װעט אַ װאַנדערער אין טאָל
זיך רוען בײַ אַ ברונעם.
און פֿרום װעט ציטערן זײַן קאָל:
אַ פֿרעמדער טרויער
האָט זײַן װידער־ליד געפֿונען!

דער װײַסער פּאַלאַץ פֿונעם טויט
װעט שטוינען איינזאַם אין דעם מאָרגנרויט.

* * *

געזאנגען אומקלאָרע... דײַן שטאר אויג קאָן געפינען
נאָר קאַלטע ווערטער אײַנגעפאַסטע זיכער:
מיר לײַכט דאָס ציט׳ריק וואָרט, ווי פּערל־טוי באַגינען,
אף בלעטער ליכטיקע פון ביכער.

איך האָב געליבט די העלסטע זעל פון פרויען
(און עפשער האָב איך זי אליין באַשאַפן?),
נאָר כ׳האָב איר הייליקײַט געמוזט פאַרטרויען
די ריין געשליפענע געשניצטע טראָפן.

די מירמל־וואָלקנדלעך (אין האַרץ פון דיכטער)
פון הימלאַנד שווימענדע אין פרעמדע ערטער...
איך בענטש אײַך, וואָגלענדע, איך צינד אײַך ליכטער:
די קלאָר־קרישטאָלענע, צעשטראַלטע ווערטער.

* * *

עפשער זינג איך... ס׳רירט זיך א זײַדנס אין הארצן,
ס׳רינט א ציטערדיקעס טיף אין בלוט.
ניין... איך ווייס ניט... יאָ... א שכינע קומט אין שווארצן,
שלײַכט אין צימער מיט דעם אָונט־גלות...
עפשער זינג איך?!

כ׳נעם דאָס טילימל, אין זילבערן געבונדן —
דאַוונען, קערן בלעטעלעך... די שאָ פון ראכמים קומט...
עס לעשט די נאכט, וואָס ס׳האָט דער טאָג געצונדן.
שטילער... עפּעס רירט זיך. אָ־אָ־אָ... א ניגן ברומט...
עפּשער זינג איך!..

* * *

אין גאָרטן, באַנאַכט, אונטער בליִענדע צווײַגן,
א האַנט אין א האַנט וועלן בײדע מיר זיצן
און שווײַגן.

די בלאַסע לעוואָנע פאַרשטילן וועט אונדזערע לײדן,
וועט וועבן פון רויִקן זילבער א כאַלעם
אף בײדן.

מיר זײַנען פאַרטײלטע, פאַרוואָגלטע טויבן —
לאָמיר זיך טוליען, ווען קײנער באַמערקט ניט,
און גלויבן...

און ווען אין א נאַכט וועט פון אונדז ווער ניט קומען, —
ניט װײנען, ניט טרויערן זאָל דער פאַרלאָזטער,
נאָר שטומען.

אין גאָרטן דאָרט אונטער די בליִענדע צווײַגן
זאָל ער די פאַרציטערטע פינגער פאַרברעכן
און שווײַגן...

* * *

ווער גייט אין סאָד אצינד, ווער גייט?
ניטאָ דאָס וואָרט, וואָס זאָל דעם סאָד פארזיגלען,
ניטאָ די האנט, וואָס זאָל די טיר פאריגלען
שטילערהייט...

פליס אדורך די לאָדן, נאכט, פון וואלד און פליין,
עס רוט מײַן קאָפּ פארבראָכן אפן טיש.
ס'איז איצט די גאָרע וועלט א ציטעריק געמיש
פון לידער שטילע און באהאלטענעם געוויין.

עס בעט דער סאָד אצינד, עס רינט דער טוי,
עס זינגט דער פארבן־קלאנג פון שווארץ און בלוי,
עס שווימט דאָס לעצטע ליד פון מײַרעוו־ראנד,
עס קוועלט דער טרויער נאָכאנאנד.

א לעוואַנע־נאַכט

אין ווײַטער שטילקײַט שווימט די מאַלקע־שוואַ,
עס פינקלען אין דער נאַכט דער קילער אירע שלייערן —
כאַלוימעס פון דעם הימל־בלאָ.

און אָפּגעלאָשענע לעוואָנע־ליכט
טריפט זאַפטיק־קיל
אף יעדן דערפּעלע, וואָס דרעמלט אינדערשטיל.

און ס׳רירט זיך אום א ווייכער שטראַל,
וואָס בינדט צונויף:
דאָס הינדעלע אין הויף,
דאָס פישעלע אין זײַן געוועסער,
און ס׳ווײַסע לעמעלע אין שטאַל.

אין ווײַטער שטילקײַט שווימט די מאַלקע־שוואַ
פון אירע ציטערדיקע מירמל־שלעסער...

עס טרעפט

עס טרעפט, אז די וועלט זינגט ארויס א פארבאָרגענעם ניגון,
דאַן ווערט אַף א רעגע געהייליקט דאָס לעבן.
עס שווימען ארויס יענע טפילעס, וואָס ווערן פון יעדן פארשוויגן,
אזוי נאָענט, אזוי איבערגעגעבן...

דאַן גלייבט מען, אז יעדערנס עלנט איז שווער, איז ניט איבערצוטראָגן,
ס'איז יעדערנס בראָך
אזוי אומענטשלעך טיף, אז מע קאָן נישט ניט ריידן, ניט קלאָגן,
און דאָך...

הונגער

כ׳גיי דורך ראָזע אָונט־פֿאסן,
ס׳וואַרפֿט די נאכט שוין שווארצע פּײַלן,
כ׳האָב א טרײַען פרײַנט א בלאסן —
הונגער פירט מיך... הייסט זיך אײַלן...
ס׳שווינדלען שילדן, הויז און גאסן,
וויגט זיך, וויגט זיך, הימל־מײַלן!

הונגער, עך, דו דארע קליאטשע,
לייגסט דײַן קאָפּ אף מיר אנידער,
און אין שווארצער עקזאלטאציע
טאנץ איך, שפּרינג איך, כ׳שרײַ א מידער:
פּאציע! אציע! מארינאציע!
הונגער פײַפט אין מײַנע גלידער.

* * *

...איך טראָג די נײַס אין יונג געמיט —
א ליכטיק פּאָנעם און א ליד.

דאָס ליד, וואָס פליסט ארויס אָן קלאנג,
וואָס וועבט פון זײַדנס זײַן געזאנג.

א קוועלכל עפנט זיך אין זעל,
און ס׳פליסט א בענקשאפט ריין און העל:

פארוואָס זעט אויס דאָס לעבן טריב?
פארוואָס האָב איך דיך, ליבסטע, ליב?

* * *

ס׳לײַכט ליכטיק־לינד דײַן זעל אין העלן װײ,
ס׳איז ריין דײַן קעלעכל, װי שניי, װי שניי...
דײַן אָפּבילד רייניקט אונדז דאָס שטילע הויז,
דײַן נאָמען שײַנט צו מיר און לייזט מיך אויס,
איך בעט דיך, ליבינקע, צו יעדער צײַט:
נאכסאָל ביסטו, מײַן קינד, געפלויגן װײַט?!

מיך רופט דײַן זעלע־רו, װוּ כ׳שטיי און גיי,
ס׳איז װײַס דײַן קעלעכל, װי שניי, װי שניי...
װוּ ביסטו, קינד דו מײַנס? דו מוזט דאָך זײַן —
דײַן כאָלעם הייליקט מיך און שלעפערט אײַן.
איך גיי אין לעבן אום באם זײַט, באם זײַט...
נאכסאָל ביסטו, מײַן קינד, געפלויגן װײַט?!

װער װייסט, װאָס װייט דער װינט אין לאָד אזוי,
ס׳איז װייך דײַן קעלעכל, װי שניי, װי שניי...
עס װעבט א װײַסע טויב א ליב געװעב
אף אונדזער שטילן הויז, אװוּ איך לעב.
איך זיץ און כ׳רוף צו דיר אין פינצטערקײַט:
נאכסאָל ביסטו, מײַן קינד, געפלויגן װײַט?!

* * *

די ווייכע אקסלען ציטערן פון מײַן באריר,
שטיל בייגט זי אויס צו מיר איר בלייך געזיכט.
איך שפּיר א קלאנג ווי פון יאפּאַנישן געשיר,
און כ'אַטעם אײַן בארוישט איר דינע ליכט.

דאן בייג איך גאנץ זיך צו צו ווײַסער האנט,
און גרינג קלינגט אוף דאָס בלוט אין יונגן גאנג,
ווען איך פארבלײַב אזוי דאָס לעבן לאנג
באם ליכט פארבויגן, וואָס לײַכט מיר אומבאקאנט.

רײַסיש

אָ, ניט ווי די ברוינע סאַזשלקע איז זי שטיל,
און ניט דער סאַמעטענער שוואַלב איז איר פֿייגעלע —
זי זאָל ברענגען אַ גערוס פֿון מיר.
ליבער איז זי אַפּילו פֿון דעם גרויען קוקאַווקעלע.

אָ, ניט צו דער קוקאַווקע איז זי גלײַך,
איך זאָל זי הערן רופֿנדיק...

עפּשער איז זי, ווי די ריאַבינע, וואָס שטייט באַם פֿענצטער,
ווי די ווילי̇ע,
ווען זי איז נאָך קיין טײַך ניט געווען,
ווען זי איז אַ לעוואָנעדיקע געזעסן אינעם אַלטן שלאָס
און אַרויסגעקוקט צום יאַם.

דו ביסט ווײַט פֿון מיר, און מײַן מאַזל איז אויך אַן אַנדערער,
ווײַל איך בין געגליכן צו דעם לאַנגן פֿוקס,
צו דעם גרויען וואָלף
און צו דעם דעמב, וואָס האָט קיין בלעטער ניט.

פֿאַרוואָס, לאַנגער פֿוקס, האָסטו קיין באַוואָרער ניט —
און איך בין אַן עלנטער אין פֿעלד?..

פֿאַרוואָס, גרויער וואָלף, האָסטו קיין נאָרע ניט —
און איך בין אַ פֿאַרשטויסענער?

פֿאַרוואָס, אַלטער דעמב, האָסטו קיין בלעטער ניט –
און איך קיין מאַזל ניט?

* * *

וועסט אָנטאָן דײַן גילדענעם רונג אַף זײַן פינגער,
און איך טראָג דײַן אײַזערנע קייט.

ברען אויסעט די ערטער, ווו איך בין געשטאַנען, —
כ׳וועל אויסברענען דיך פון מײַן האַרץ.

אָ, גרויזינקע שפערלען, איר קומט צו איר קווורע, —
צו אײַך איז געווען זי פאַרגליכן.

און אײַך, בעט איך, ברידערלעך שוואלבן
באַם פענצטער:

ניט ליבן זיך אָפן,
ווײַל כ׳זיץ אַף דער ערד אין אווילעס,

די נעסטן ניט בויען,
ווײַל זי איז אוועק פון מײַן היים.

די כאַסענע

(פֿאָלקס־מאָטיוו)

I

דאָס שטיבל האָט מען אויסגעקאַלכט
און ריין געמאַכט די דילן.
עס קומען באַלד מעכוטענעסטעס
און קלעזמער וועלן שפּילן.

מײַן כאָסן איז א יונגערמאַן
פֿון גרויס־מעדינע פּוילן,
זײַן בליק איז הייס, ער ברענט און גליט,
ווי פֿײַער גליט אָף קוילן.

נאָר ער איז יונג אַזוי און בלאַס,
ער קושט מיך שטיל אין שטערן,
ער גלעט מײַן האַנט און שמייכלט מיר,
די אויגן גיסן טרערן.

II

דער טאטע האָט אוועקגעשיקט
צום פעטער שמועל־יאָשען,
צום מילנער אף לוהאוויער שליאך,
צו בערלען און צו שאָשען:

זײַן טאָכטער איז א קאלע־מויד —
וואָס ס'דארף זײַן, איז געוואָרן, —
זיי זאָלן שפּאנען גלײַך די פערד
און קומען באלד צו פאָרן.

לעמאן־האשעם, לעמאן־האשעם
זאָל קומען פעטער יאָשע, —
דער כאָסן איז אן אויסנאם־זאך,
און ט'זאָגן אונדז א דראָשע.

III

די מאמע זאָגט: די פֿורן קומען —
קרויוּים, גוטע געסט.
אין אָנגעפּאַקטע װעגענער,
װי פֿויגלען אין אַ נעסט.

מע טראָגט די טאָרטן, אײַנגעמאַכטס,
די פֿולע פֿלעשער װײַן,
די בראָנפֿנס, קערב מיט האָב און גוטס
אין גרויסער שטוב אַרײַן.

IV

הײ, כאָדאָראָם און כאָדאָראָם
און בים־באָם־בום...
עס טאַנצן די מעכוטענעסטעס
אַרום און אַרום:
בערל כאַפּט דעם כאָסנס קיטקע
און ער טאַנצט מיט איר,
באַשע טאַנצט אין קרינאָלינע
סאַמע בײַ דער טיר.
אײַ, לעבעדיק און האָפּערדיק,
און לעבעדיק און פֿרײַ,
אײַ, מע פֿירט די כאָסן־קאַלע!
אײַ! אײַ! אײַ!

V

דערלאַנגט אַהער די קאַרפּן־קעפּ,
די שלײַען און דעם הינער־זופּ,
די העלדזלעך פֿון די טשאָלנט־טעפּ,
און כײַ־געלעבט זאָל זײַן!

מע לעבט נאָר איינמאָל אױף דער װעלט...
אױ, אָרע־צאָרע, קום אַהער,
װאָס האָסטו זיך אױעקגעשטעלט,
אָט נעם אין מױל אַרײַן!

יױיך צו פֿולע שיסעלעך
און מאַשקע אױך צו קאַפּעלעך,
צו קאַפּעלעך, צו ביסעלעך,
און נעמט זיך אָן מיט מוט!

װאָס שטײט איר דאָ אין קופּקעלעך?!
אָט נעמט זיך צו די צימעסלעך,
די קוגלען און די פּופּקעלעך —
און זאָל אונדז גײן נאָר גוט!

VI

די קאלע זיצט א פריילעכע
באם כאָסנס טיש אליין.
אָ, קאלע־קרוין! וואָס טוסטו, וואָס?
פאר לײַטן איז ניט שיין...

זיי זיצן ווי די טײַבעלעך
און ריידן נאָכאנאנד,
אָ, קאלע־קרוין, מיר זעען דאָך,
דו גלעטסט דעם כאָסנס האנט.

א לאנגן, לאנגן סיוון־טאָג
האָט אָפּגעפאסט די פּאָר,
דער אייבערשטער זאָל צושיקן
זיי מאזלדיקע יאָר...

דער כאָסן איז א שוואכעס קינד,
איז אומעטיק און בלאס,
א קלייניקײַט! א באָקי זײַן
אין פּאָסקים און אין שאס...

דער אייבערשטער זאָל העלפן זיי,
ווי כ׳ווינטש זיך נאָר אליין,
מיט קינדער — ייִדן ערלעכע
מיט אלדאָס גוטס — אָמיין!

* * *

מיר האָבן, ליבסטע, באַם שפּאַצירן
צוויי עמער ליידיקע באַגעגנט,
צוויי עמער ליידיקע באַגעגנט,
דו האָסט געזאָגט: ס׳וועט וואָס פּאַסירן.

אין שרעק בין איך, מײַן טרייסט, געבליבן:
אַ שוואַרצע קאַץ איז די גאַס אַריבער,
אַ שוואַרצע קאַץ איז די גאַס אַריבער,
ווען כ׳האָב דיר פינגערלעך געקליבן.

פאַר וועמען זאָל איך איצט זיך קלאָגן?
כ׳האָב ניט געקאָנט דײַן שטוב געפינען,
כ׳האָב ניט געקאָנט דײַן שטוב געפינען,
ווען כ׳האָב מאַטאָנעס דיר געטראָגן.

מיט וועמען זאָל איך איצט פאַרבלײַבן?
כ׳האָב דײַן לעווײַע אָנגעטראָפן,
כ׳האָב דײַן לעווײַע אָנגעטראָפן,
ווען כ׳בין געגאַנגען טנאָים שרײַבן.

דאָס ציגעלע

איך טרײַב ארויס אין פעלד דאָס ווײַסע ציגעלע,
עס זאָל זיך פּיטערן אליין.
דאָס ווײַסע ציגעלע, וואָס איך האָב אָפּגעקויפט
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין.

נאָר מיט די לאָנקעס גייט אוועק, אוועק דאָס ציגעלע
און כ׳גיי דעם נאָך,
אין אלטע וועלדער, פוסטע פעלדער בלאָנדזשען מיר
די גאנצע וואָך,
די גאנצע וואָך.

און פריײַטיק האלבן טאָג בלײַבט שטיין דאָס ציגעלע
גאָר אומגעריכט,
און איך דערזע: העט ווײַט איז אויסגעשפּרייט א לאנד
אין בלויער ליכט,
אין בלויער ליכט.

א לאנד — א לאנד,
ווו אינדן לויערן אף אלע בערגעלעך,
ווו ס׳שלאָפט דער בופלאקס לעם דעם וויזלטיר,
א לאנד — א לאנד,
א ציטעריקס, פארכאָלעמטס,
וואָס קאָן פארלאָרן גיין פון יעדן ריר.

דער טאָג פאַרגייט. דאָס ווײַסע ציגעלע ליגט לעבן מיר,
און אויך דאָס ציגעלע וועט באַלד פאַרגיין,
און אויך דאָס ציגעלע, וואָס כ׳האָב עס אָפּגעקויפט
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין.

ווי א מאָכיקער
שטײן

שטומקײַט

וואָס וועט ריידן די שטומקײַט, ווען כ׳בלײַב מיט איר איינער אליין —
איך שטרענג זיך אָן ציט׳ריק אינגאנצן און כ׳וויל כאָטש איר דויפעק דערשפּירן,
זי עטעמט פארטײַעטערהייט פון דער טיף, ווי א מאָכיקער שטיין,
ווי א טונקעלער כאָלאָל, וואָס גליוועט אהינטער באשלאָגענע טירן,
און לויערט א דריקנדע לאסט פון דער ברוסט, ניט געלעבט און ניט טויט,
ווי א נאכט, וואָס ווארט אָפּעט די שײַן פון פארנאכטיקן רויט.

שטומקײַט. כ׳זיץ פינצטער אליין אין מײַן צימער געליימט פון דײַן יאָך,
עס דרעמלט אין ווינקל אן אלטער ראָיאל מיט א פּוסטקײַט א קילער אין גוף,
די שײַנענדע קלאווישן פאָרן זיך קאלט, ווי די טעג און די נעכט אין דער וואָך —
ניגונים געכאָלעמטע קוים און נאָך ניט געבוירענע היטן זיי אויף.
א רויקע בלאסקײַט שײַנט אָפּ פון די שווערע און טונקעלע שטאָרן —
כ׳זיץ־פינצטער אליין. מײַן אָנהייב איז לאנג מיטן כוישעך צוזאמען געגאָסן.
מײַן סאָף האָט בא מיר זיך אין ברוסט ווי א לויטערער טאָג אויסגעלאָשן,
און איך בין פון עפּעס א שטומקײַט א גרויסער געבאָרן געוואָרן.

כ׳וואָלט אויסהאקן כאָטש פון דער שטומקײַט אן אייניציקן פונק,
אז אין הארץ זאָל א גלי טאָן דער ניגן פון פארן געבאָרן,
ס׳זאָל פלוצלינג א לײַכט טאָן פון טיפקײַט א גליִענדער ווונק
פון דעם אורגאָט, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

כ׳זאָל זײַן אַף אַ רעגע אַזוי, ווי דער קנאָספּיקער בוים אינדערפרי,
וואָס טרייסלט אַראָפּ מיט אַ פרייד זײַנע נעכט פון די צווײַגן,
אַזוי ווי די הונג׳ריקע כײַע אין וואַלד מיט אַ מויל אַ פאַרבלוטיקטן שווײַגן,
און קלאָגן ווי זי, און שטומען ווי זי.

עס האָט א מענטש

עס האָט א מענטש אין הארצן־אַש א וועלט געפונען:
אײַזבערג, היילן, נעכט און הייסע זונען.

שטומט דער מענטש, און אופגעדרייט, די נעכט אין זײַנע היילן,
בלאָזט ער שווײַגנדיק אף טליִענדיקע קוילן.

און נעכט נאָך נעכט, דאן בלאָנדזשען טעג מיט זונען,
ווי העלוועבס אף א טונקל, היילכיק־פײַכטן ברונעם.

פארבײַ, ווי פרעמדס, די טעג פון פרייד פארגייען,
עס רוט אין הימל דאָס אָפּשײַן־ליכט פון ווײַטע, קאלטע שנייען.

דאן אף די אײַזבערג קריכט דער מענטש, באשײַנט פון ליידן!
(ליידן־שפּראך איז זעלע־רייד, כאָטש פּינצטער קוועלט איר ריידן)...

אליין דאָרט שטייט ער גרוי, ווו שטורעמס טויטע ליגן,
איז מיד־פארגליווערט, נאָזיר־רויִק און אנטשוויגן.

דאָס לעצל

אין געבלומטע פלודערן, אינעם קאָנוס־מיצעלע
פּײַקל איך אין פּײַקעלע, כ׳קוליע זיך מיט האסט.
ניט געלעסטערט! ניט געשפּאסט!
מײַנע הערץ, זעט און שטוינט,
ווי א לעצל לאכט און וויינט, —
כא, כא, כא,
כא, כא, כא,
איך — דאָס מאָגער פּיצעלע,
טראָג א זלידנע לאסט...

איך האָב פיל ארויסגעלאכט,
און גאָר ווייניק אויסגעוויינט,
מוז איך איצט אין טיפער נאכט
פלוידערן, וואָס ניט געמיינט.
טאנצן, קוליען זיך אזוי...

ויי, ויי, ויי,
ויי, ויי, ויי,
ועמען ס׳איז אמאָל באשערט
זײַן א לעצל אף דער ערד.

פּײַקל, פּײַקעלע, און שרײַ,
גרימפּל, קלינג און צימבל צו!
ס׳איז געווען א מענטשל פרײַ,

ווייס איך ווען און ווייס איך ווו,
האָט ער אויסגעקערט זײַן פּעל
און געטאָן אַף זיך א שפּײַ.
ער וואָלט אויסגעשפּײַט זײַן זעל
סײַוויסײַ,
סײַוויסײַ,
פֿײַקל, פֿײַקעלע, און שרײַ!

מײַנע דאמען, ס׳מאכט ניט אויס:
ס׳גריזיעט ווען אין הארץ א מויז, —
נאָר צו אלדי שווארצע יאָר,
נארישקײַטן בלויז.
איך בין לוסטיקלעך ביז גאָר,
קוקט זיך אײַן!
קוקט זיך אײַן!

אָט שטעל איך זיך אפן קאָפּ,
אָט קריך איך אין דר׳ערד ארײַן,
אָט שלינג איך א שווערד אראָפּ
און איך זינג ארויס אין א טאנץ
גאָר דאָס פינצטערניש פון גוף.
ס׳איז מײַן קערפּערל צו שפּאָט,
נאָר דאָס נעפּעשל — נאָך גאנץ
און עס ווייסט ניט דאָס און יענץ
אין זײַן שלאָף,
אין זײַן שלאָף.

ס׳מוז דאָך נעמען ווען א סאָף!

דערקענטעניש

שווער געלעגן אף דער ערד
און צוגעזען —
כ׳האָב צוגעהערט
די רויִע בערג און פליינען פונדאַסניי.
רויִק דרעמלט די נעשאַמע,
וואָס איז שוין אומעטום געווען,
נאָר ס׳טראַכט דער קערפּער סײַוויסיי,
ווי ס׳טראַכט דאָס פעלד,
ווי בא די טײַכן טראַכטן ווערבעס לאַמע
דעם גאַנג פון דער וועלט.

דו, אהינטער אלע טויערן,
וואָס כ׳זע דיך ניט, —
דו האָסט ארומגעהאנגען פינקלענדיק דײַן ווין
מיט שלייערן,
איך צי דײַן מאַסע מיט,
און כ׳שטוין
באַם הילך פון דײַנע טריט.

אייביק, אייביק

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לײַכטן צו די קאַלטע שטערן.

ווו ס'איז נאָר אַמאָל אַ מענטש געשטאַנען,
וואַלגערט זיך אין שטויב אַרום אַ שאַרבן —
די געטער שטאַרבן ניט, און מענטשן שטאַרבן!

און אָטעם הייבט זיך אופעט צו די הימלען
און אויף די שטערן ווערט ער אויסגעגאַנגען,
און אייביק וועבן זיך די פאַרבן און די קלאַנגען.

עס איז אַ שמייכל שטיל די וועלט אַריבער
אין טאָג פון דעם געבוירן —
צעפינקלט האָט זיך ערד און הימל אין אַ כאָלעם פון קאָלירן.

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לײַכטן צו די קאַלטע שטערן...

קליינע קלעזמער

קליינע קלעזמער אף די לאנגע, ווײַסע פּײַפּיאָלן
רופן צו א ווײַטער וועלט.
פון זייערע נעשאָמעס העלט
די וויסטעניש פון בלייכע אויסגעשפּרייטע טאָלן.

שטילע הייבן זיי די קאלטע בערד די קלאָטשעוואטע
ארוף צו די מאזאָלעס:
טאטע, טאטע, טאטע,
מיר וואלגערן זיך בלאָטיקע בא דײַנע פּאָלעס...

און מיט הארטע קלעזמער־היט איבער די אויגן,
אין גרוי באגינען,
וועבן אלטע שפּינען
א הויל־געוועב פון וויסטן בלוט ארויסגעזויגן.

אָ, קליינע קלעזמער אין דער ווײַטקײַט גייען אָפּ מיט טרערן
אדורך דעם פּײַפּיאָל,
קיינער וועט ניט הערן, קיינער וועט ניט הערן
זייער קאָל.

לידער פון אן אַרעמאן

1

כ׳האָב באנאכט שטילערהייט אויסגעשליפן
פונעם הארצן א דימענט א קאלטן:
טאָמער דארף זיך א מענטש ווען באהאלטן
אין די אייגענע, טונקעלע טיפן.

מײַן ליכטיקע נויט וועט באשטראלן
דעם לעצטן צעעפנטן טויער,
כ׳וועל שמייכלען פון פריילעכן טרויער,
וואָס איך בין געפאלן, געפאלן...

2

אפן בוידעם זיצט באַנאַכט אַן אָרעמאַן
מיט א דינעם שמייכל אפן פּאָנעם,
ער זינגט, וואָס ער איז אויכעט אף דער וועלט פאַראַן
און וואָס אומעטום באַגייט מען זיך שוין אָן אים.

עס ציט זיך אויס זײַן לאַנגער גוף וואָס העכער, העכער.
ער וויינט, ער זינגט דאָס בידנע ליד פון גרוי און אָרעם.
און די געהאַרנטע, די שטעכיקע לעוואָנע אף די דעכער
קריכט אום אַרום — א ווײַסער, גליִענדיקער וואָרעם.

אָ, די געלע שטים פון אָרעמאַן, אין טיפער שרעק,
פאַר אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט דער גרויער!
די שטים פון מענטש, אַן אָנגעטאָנענער אין זעק,
וואָס זשאַלעוועט זיך שיידן מיט דעם טרויער!

עס זינגט די דינע פרייד, וואָס איז אין פּײַן פאַראַן,
ווי קילע וואַסער צווישן נאַקעט־אָפּגעברענטע שטיינער,
אפן בוידעם זינגט באַנאַכט אַן אָרעמאַן,
און די לעוואָנע הערט און ווײַטער קיינער, קיינער...

3

כ׳האָב דעם מענטש פון זיך אָפּגעשאָבן
באַם ליכט פון די רינענדע טרערן.
אָ, ווי גוט עס איז גאָרנישט צו האָבן
און אומגיין דאָ אונטער די שטערן.

ווער עס האָט ניט זײַן לעבן צעטראָטן,
וועט קיינמאָל דעם פּײַן ניט פאַרטרײַבן.
כ׳בין אַ העלער פּאַפּיר דאָ אין שאָטן
און גאָט וועט אַף דעם איצטער שרײַבן.

פּלוצלינג האָב איך מײַן פרייד אָפּגעגראָבן
בײַ פרעמדע, פאַרבלאָטיקטע שוועלן.
אָ, ווי גוט עס איז גאָרניט צו האָבן
און גאָרנישט ניט וועלן.

4

א מענטש האָט א שטיבל אין וואלד אויסגעבויט
און פארבליבן אליין.
געלעבט האָט ער דאָרטן פון גראָז, און פון מאָך, און פון קרויט,
און פון כריין...
א מענטש איז פארבליבן אליין.

אַ, ער איז געגאנגען צו־לעהאכעס דער וועלט
און געפײַפט: טא, טא, טא! טא, טא, טא!
ביז ער האָט דערשפירט א בריליאנטענע קעלט
און אן אומעט אזא...
טא, טא!

דאָ איז ער אוועק און אוועק, ווי געיאָגט,
— ווייסט דער כאָכעם א ראָט? ווייסט דער גרײַז־גרויער מאן?
נאָר ס'האָט אים דער אלטער פאמעלעך אין אויער געזאָגט:
„וועגן דעם איז אין בוך ניט פאראן" — — —
דער כאָכעם, דער גרײַז־גרויער מאן...

דאָ איז ער אוועק און אוועק, ווי געיאָגט.
און געקרעכטשעט: וויי, וויי, וויי! וויי, וויי, וויי!
דער אומעט דער דינער אין אים האָט געקלאָגט
א ווײַסער ווי שניי...
וויי, וויי!

5*

א מענטש האָט א שטיבל אין וואלד אויסגעבויט
און פארבליבן אליין.
געלעבט האָט ער דאָרטן פון גראָז, און פון מאָך, און פון קרויט,
און פון כריין...
א מענטש איז פארבליבן אליין.

5

די טפילע פון אן אָרעמאן, וואָס איז פארטײַעט געוואָרן
און פאר גאָט טוט ער אויסגיסן זײַן הארץ.
פארוואָס ווערט מען אזוי געפײַניקט, גאָט!
ווו איך שטיי, בין צופיל פאראנען, און ווו איך גיי, טראָג איך מיט
דעם רייעך פון דער פינצטערניש.
בין איך מעקאנע דעם פויגל, וואָס אים איז בעסער פון אונדז,
און דער ליים, וואָס איר איז בעסער פון אלעמען.
וואָס זאָל איך טאָן מיט מײַן האנט, וואָס איז מיר איבעריק,
און מיט מײַן הארץ, וואָס איז מיר איבעריק?

אונטער דעם
פארזיכערטן
הימל

צום בריסקער שאָלעם

קריגער! דײַן שווערער פארברעכן זאָל וואָגלען פון דוירעס צו דוירעס.
עס זאָלן די דראָטן אין ווײַטסטע מעדינעס דײַן כארפע צעטראָגן,
די שיפן, וואָס בלאָנדזשען אין יאם, זאָלן שטום פאר דער וועלט זיך באקלאָגן.
קריגער! דײַן שווערער פארברעכן זאָל וואָגלען פון דוירעס צו דוירעס.

א ריז א פארבלוטיקטער טראָגט אונדז אצינד זײַנע גילדערנע לוכעס!
איין־איינציק רוסלאנד, דו ליכטיקע וויג פאר באפרײַונג,
זאָל פאלן אף גרויע רוינען דײַן שטראלנדע זון פון באנײַונג!
א ריז א פארבלוטיקטער טראָגט אונדז אצינד זײַנע גילדערנע לוכעס!

וואָס שטוינען די גרויזאמע שטעט אזוי שפעט אין דער פינצטער?
די שטומע באוואָרער פון גאָט פון דעם נײַעם, וואָס שטומען?
זאָל פלאצן דער אײַזערנער טהאָם, און א ביטערע קלאָלע זאָל ברומען!
וואָס שטוינען די גרויזאמע שטעט אזוי שפעט אין דער פינצטער?

קולטור

מיך האָבן עלעקטרישע זונען באגאָסן מיט גלי־ווײַסע שטראלן.
כ׳פארנעם, ווי עס סוידען זיך דאָרטן אף טויזנטער הילכיקע מײַלן,
ס׳רעדט מעכטיק א לאנד צו א לאנד,
בא ווילדע וואָקזאלן —
אכסאניעס פון פעלקער, וואָס טראָגן זיך ערגעץ און אײַלן זיך, אײַלן...

איך זע זיי, די פינצטערע כײַעס — די לאָקאָמאָטיוון, געשפאנט,
עס שטראלן לאנדשאפטן אין גאָלדענע, שניי־ריינע, גרינע געמעלן,
אין אײַזערנע רייפן — מיט רעלסן פארשמידט.
און ס׳ציִען זיך צוגן אף זיי דורך די בערג און די שטומע טונעלן —
באוועגלעכע קינדער פון בארג־מינים, ערץ און גראניט...

דורך געלע מידבאָריעס,
דורך קובישע שטעט,
דורך לענדער און לענדער,
עס שלעפן זיך ברויגעזע באנען,
צעוויקלען זיך צאפלענדע בענדער
פון מיזרעך צו מײַרעוו, פון דאָרעם צו צאָפן,
און שלינגען אײַן מערידיאַנען —
די מענטשישע שלוכים צום סאָד פון די סאָפן...

היי! ס׳לײַכטן מיר זונען דורך פריזמעס פון שארפע קרישטאָלן,
כ׳בין דער מענטש.

כ׳בין דער קעניג פון לענדער,
פון שטעט
און פון פינף אָקעאנען,
איך בין דאָס מעטאלענע ליד, וואָס עס זינגען די באנען
באנאכט צווישן וועלדער און טאָלן...

אין פאבריק

ווי עס נעמט אף טאָג נאָר בלאסן,
ברויזן פינצטערע געזאַנגען,
פעט־באפּעכטע לעדער־פּאסן
יאָגן זיך, ווי שווארצע שלאנגען.
און ס׳צעזינגען זיך מאשינען
שטארק און טרויעריק צוזאמען;
שפּריצן פײַערדיקע בינען
אין געשריי פון ארץ און פלאמען...

רעדער... רעדער... רויך און פונקען.
און אין כוישעכניש פארטרונקען,
הערצער ווערן מיד פארלאָשן...
האמערס ברומען. ס׳גליִען גלידער,
ווי פון בראָנזע אויסגעגאָסן...
טיף געבויגענע באם פײַער
אָפּגעכאלעשט, מיד און מידער,
קנעטן זיי דאָס הייסע אײַזן,
און דער פלאם טרייסט ליב און טײַער:
ס׳מוז די זון, די זון זיך ווײַזן!

אײַ, כאַוועך, אײַ, כאַוועך!

אײַ, כאַוועך,
אײַ, כאַוועך,
דו ביסט ארויס זיך שלאָגן, מיר האָבן דיך באַגלייט פון דאָרף און
באַווײנט דײַן געביין.
געוואָרן איז דײַן פּאַטלע — שטעכעוודיק דראָט, דײַנע ביינער
פאַרהאַרטעוועט אין די שלאַכטן.
מיר האָבן דיך געזען:
דו ביסט געפלויגן איבער שטעט, געשוווּמען איבער טײַכן
און פאַרטריבן דעם פײַנט פון פּאָטערלאַנד.
אײַ, כאַוועך,
אײַ, כאַוועך!

אײַ, כאַוועך,
אײַ, כאַוועך!
אפן דינעם פערד האָסטו ארויסגעריטן כאָרעוו מאכן די וועלט,
דער וואָראָן איז געפלויגן פאר דיר — דײַן קויל האָט אים אָנגעיאָגט.
דו האָסט געזאָגט:
אויבן, אין הימל, זיצט דער שווארצער וואָראָן, — וועל איך אים אויך
ארונטערשיסן!
אײַ, כאַוועך,
אײַ, כאַוועך!

אײַ, כאַוועך,
אײַ, כאַוועך!

טויזנט מײַל ביסטו געפֿלויגן, ווי אַ פֿויגל איבער רוסלאַנד,
טויזנט מײַל געהוליעט האָט דײַן שווערד, ווען די ביקס האָט אָפּגערוט...
און פּלוצלינג, אין דער נאַכט, ביסטו געקומען ביז צו וואַרשע דער
שליאַכטישער.

אײַ, כאַוווער,
אײַ, כאַוווער!

אײַ, כאַוווער,
אײַ, כאַוווער!
ס׳האָט דײַן ווײַב דיך שוין באַוויינט אין קלויסטערל דעם הילצערנעם,
נאָר ווען דער פּאָפּ האָט אָפּגעזאָגט די לעצטע פּאַטשערעס —
ביסטו אין דאָרף אַרײַנגעריטן מיט דעם שוואַרצן וואָראָן דעם
דערשאָסענעם,

אײַ, כאַוווער,
אײַ, כאַוווער!

אײַ, כאַוווער,
אײַ, כאַוווער!
דו ביסט אַרויס זיך שלאָגן, מיר האָבן דיך באַגלייט פֿון דאָרף און
באַוויינט דײַן געביין.
געוואָרן איז דײַן פּאַטלע — שטעכעוודיק דראָט, דײַנע וועלפֿישע ביינער —
פֿאַרהאַרטעוועט אין די שלאַכטן —
מיר האָבן דיך געזען:
דו ביסט געפֿלויגן איבער שטעט, געשווומען איבער טײַכן און פֿאַרטריבן
דעם פֿײַנט פֿון פֿאָטערלאַנד.

אײַ, כאַוווער
אײַ, כאַוווער!

ערד

עס טראָגט די ווירבל־כוואַליע אונדזער שיף,
אונדז טרײַבט די דאָרשטיקײַט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונדזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זײַנען מיר?
— מאטראָסן פינצטערע בא דיר, בא דיר...

וווּהין?
ווּ דאָס פינצטערניש ברענט ווי א הייסער רובין,
ווּ דאָס שאפּעניש רינט פונעם טויהו אין זײַן,
ווּ ס'געזאנג קלינגט אָן קלאנג און דאָס ליכט לײַכט אָן שײַן,
ווּ די אייביקײַט לײַכטנדיק שמייכלט אונדז העל,
צו דער לויטערער שוועל!

עס טראָגט די ווירבל־כוואַליע אונדזער שיף,
אונדז טרײַבט די דאָרשטיקײַט אין פינצטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונדזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זײַנען מיר?
— מאטראָסן פינצטערע בא דיר, בא דיר...

פארסמאליעטע ערד פון די קאָסמישע סרייפעס.
דער פלאם האָט דעם טויהו־וואָוויהו צעשמאָלצן,

און ס'זײַנען צעפּלויגן פּלאַנעטן, ווי גילדערנע אויפּעס,
אין הייסן געיעג נאָך א הימן א בלאַנקעוודיק שטאָלצן.
צעשמעטערט אין שטראַליקע גרויסן, האָט פײַער געשריִען צו פײַער,
אין ליכטיקע שטראָמען ארויס פון די פינצטערע סאָפּן,
דורך כווישעכניש־בערג — שטומע גליִעניש־שפּײַער,
אין גרויען געוויטער פון היציקע יוירנדע שטאָפּן.
דאָס גרוי האָט געשטורעמט, ווי רעדער פון רײַטוועגן שווערע,
פארבלענדט פון פּלאַנעטן־געזאנג אף באַלויכטענע מײַלן.
אָ, ערד, ביסט פארלאָשן ארויס פון דער זינגענדער ספערע
און היילסט דײַנע וווּנדן, וואָס טליִען אין רויכיקע זײַלן...

עס טראָגט די ווירבל־כוואַליע אונדזער שיף,
אונדז טרײַבט די דאָרשטיקײַט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונדזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זײַנען מיר?
— מאטראָסן פינצטערע בא דיר, בא דיר...

די ערד האָט גערוט
און געהוידעט זיך קוים
אין דעם פינקלענדן שוים
פון פארלאָשענעם גלוט.
אָפּגעקילט פונעם ווינט,
זיך געווארעמט א זײַט
רונד דער שטראַליקער ווײַט
און געקײַקלט זיך בלינד.
אין די גלידער פון קויל,
אויסגעדרייט און צעפּאַלבט,
האָט די ליבע געזאַלבט
מיט א ליכטיקן אייל!
האָט איר לײַב אויסגעהעלט
מיט א הייליקן ווינט,
האָט די ערד זיך צעגרינט,

און צעשוואַרצט, און צעגעלט...
און האָט זינגעוודיק־פריש
זיך צעקאָלערט אין רוים
און געהוידעט זיך קוים:
אָ, ווי גוט און ווי גרינג
און ווי ציטערדיק־זיס...
ס'האָט פאַרגעסן די ערד,
אין איר פרייד אופגעבראַכט —
זי ליגט העלפט אין דער נאַכט
און צום טהאָם אויסגעקערט...

עס טראָגט דיווירבל־כוואַליע אונדזער שיף,
אונדז טרײַבט די דאָרשטיקײַט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואָגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונדזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זײַנען מיר?
— מאַטראָסן פינצטערע בא דיר, בא דיר...

יאָרן, —
שווערע קרענץ פאַרלאָשענע,
איר הענגט, ווי שלאַנגען אף די שפּיגלענדע פּלאַנעטן,
די שטאָלצע, הייסע כאָרן
טונקלט איר, און פײַערדיק צעגאָסענע,
עס ציטערן אלץ טונקעלער די שטראַליקע געבעטן.
און דו, די ערד,
דו בלאָנדזשעסט אויסגעמאַטערט, ווי אַ בלינדער פערד,
אַרויסגעשלעפּט יעסורעמדיק אין הינער־פּלעט,
פאַרקרעציקט, אַלט, און אף דײַן גוף דעם רונדן
פוילן בלאָטערן, צעררייצטע טיפע וווּנדן, —
שטעט, אַנשטומטע שטעט...

עס ליגט אין פינצטערניש באַם ברעג פון ערד אַ מענטש אַליין.
ס'איז העל אין אַלע רוימען, ס'זינגט דאָס קאָסמיש הויז.

אדורך די הימנען בלענדנדע א מוטנער שטראָם געוויין
פלייצט ברויזנדיק דורך ס׳ליכטיקײַט אין וויסטן טהאָם ארויס...
אין פריידי־סימפאָניע — פון דער ערד די טרויעריקע גאמען —
היי! דאָס קערן זיך איבער פארכמורעטע יאמען,
אינעם כוישעך צערעווען זיך שטעט,
עס ברומט פון די סאָפּענדע קעסלען דער כאאָס דער גרויער,
עס שרײַט פון די פינצטערע הערצער דער שווארצער געבעט,
און שרעקעוודיק טוליען זיך מויער צו מויער...
עס קײַקלט זיך שווערער דער עכאָ פון קרעכצנדע מאסן —
די צוגעשמידט שטומע טיטאנען
(ווי דער פּראָמעטעוס) צו שטינקעוודיק־אלטער פלאנעט —
אין דער פינצטער צערעווען זיך שטעט...
היי, האמבורג, לאָנדאָן, קאָפּענהאגן, —
לידער אויסגעזונגענע פון דיכטער־מאסן,
אקאָרדן אײַזערנע פון קינסטלער־הענט, וואָס וואגן,
אין שווארצן פערז געבויט, גערײמט דורך פאוזן־גאסן —
איר שפּיגלט זיך, געשפּענסטער, הויך אין די צעשטראלטע ספערן,
איר פלעקט די העכסטע קלינגעוודיקע פײַער־פאלן,
דאָרט קאָכט דער מוטנער ערד־שטראָם, ברוינע בלוט און טרערן.
היי, אלטער גאָט, ס׳וועט באלד דײַן הויז צעפאלן...

עס טראָגט די ווירבל־כוואליע אונדזער שיף,
אונדז טרײַבט די דאָרשטיקײַט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונדזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זײַנען מיר?
— מאטראָסן פינצטערע בא דיר, בא דיר...

פּאָעמעס

שטאָט

א

די שטאָט.
מיך האָט א ריינער שאָליִעך אָנגעווייט
א העלן טרוים פון שטילן, פינקלענדיקן אָונט־רויט,
ווען כ׳בין אין שטאָט אריַין...

ס׳איז העל מיַין וועג געווען — ניט טונקלקיַיט, ניט שיַין,
די ראָזע דעמערונג האָט איַינגעהילט די וויַיט,
און כ׳האָב געהיים געהערט א טויבן־קאָל:
עס קלינגט די שטאָט אין שווערער שטראָמיקיַיט,
עס ברומט די שטיינער־שטים אין יאָך פון שטאָל.

דאָך האָב איך שטיל געבענטשט מיַין יעדן טראָט:
— עס וועט דער טאָג פארגיין, און ריינע רו וועט טריפן באלד
פון פרישן פליין, פון יעדן בלעטעלע אין וואלד,
און פון דער שטומער גרויזאם־שווערער שטאָט.

און רו בין איך. וועט וועבן זיך רונד מיר דער טרוים
פון אָוונט־ראָז, וואָס פליסט און פליסט פון ראָזן הימל־זוים,
און צירט די וואָלקנדלעך, און ס׳העלט און העלט
די איינזאַמקייט די ווייכע אויף דער שטילער וועלט,
ביז נאכט וועט קומען, נאכט, און שווארצע רו וועט זײַן...
און כ׳בין אין שטאָט אַרײַן.

שווער האָב איך געפילט דעם שטיין, מעטאל און ערץ,
דאָס ביסל הימל־בלוי, די ראָגן, שילדן, גאָלד און שווארץ,
די בריקן, ס׳גרוי און טונקלקײַט, דעם סעדער־הויך,
די מענטשן ווײַס און ברוינס אין דעם פאבריקן־רויך,
די גאסן פול מיט קלאנג פון טריט, מיט קלאנג פונעם גאלאָפּ,
און אויגן בלויס און פלאם, און שטראָמיקײַט פון קאָפּ אויף קאָפּ,
און פלוצלינג — כריזאנטעמען, ציט׳ריק־ווײַסע כריזאנטעמען,
און א דאָרפיש קינד מיט פעלד־געררוך אין אירע ברעמען...
קינד מײַנס, קינד! נאָר ס׳לײַכטן אין די פענצטער פײַער־שטיינער,
ס׳פינקלען שפּאָרן, שווארצע צעפּ, עס בלאנקען ציינער,
ס׳וויגט זיך א געלעכטער קופּערדיק און וואָגיק־שווער,
און רו בין איך.
פארשמידט זיך אין א קאלטן רונג די ברוסט
און וועבט אין שטאָט א טרוים, — וואָס קיינער ט׳ניט געוווּסט —
אזוי א יאָר, צו צוויי, צו עפּשער מער.

6—1454

ב

שוויַיגעניש שטיינערנע הענגט אף די שטיבער, די מויערן ריזיקע קני:ען
און שלאָפן, ווי קעמלען, צעלייגטע אף אָפרו, מיט אָפענע מײַלער און ווי:ען.
עס גיסט זיך די שווארץ־מידע נאכט אין די בוידעמער, קוימענס און טרויבן,
און ס׳זינגט די לעוואָנע אין איינזאמער סוויווע פון שטערן — די
זילבערנע טויבן.
די שטאָט טוט א זיפץ.
און די שטילקײַט פאסט אײַן אין איר גרינלעכן צאָפּ נאָך א הייסן רובין,
און פאלט מיד אין איר זײַד־העלן שטול, ועלכער וויגט זיך אין רוים
אזוי ציטערדיק־דין...
עס קרעכצעט אָפּ טיפער די שטאָט, און איר קרעכץ ווערט מיט ווײ
אופגעבראכט.
אָ, וואָס זיפצעט די שטאָט אין דער נאכט?

* * *

האלבע נאכט.
דאָס עלנטע ווינטעלע וויִיט,
דאָס עלנטע ווינטעלע גייט,
אין דער שליכעס דער גרינער פון נאכט,
ווען דער אומבײַט דער ערשטער פארגייט.
האלבע נאכט.

דעם קילן געוועלב וואשט א טוי,
דער בלויער געוועלב מישט אויס בלוי

די שטאָט, וואָס רוט ראַכוועסדיק־שטום
אין איר קאַלך־ווײַסער טורמונג און בוי.

האַלבע נאַכט.

עס האָבן די גלעקער געקלונגען!
און בראָנזענע יונגען
באַפאַלן איז דעמאָלט א ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס זײַנען פאַרלאָרן...
און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען!
היי, לאָמיר גיין!
לאָמיר גיין!
לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

די טירן פון ווײַט זײַנען ברייט, זײַנען פרײַ,
אונדזער וועג איז באַהויכט מיט א טוי און איז נײַ,
לאָמיר צייכ'נען די טריט — יעדן טראָט מיט א שטיין —
לאָמיר גיין!
לאָמיר גיין!
לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

לאָמיר עפ'נען די טרוימען און שמידן די וואָר,
לאָמיר זוכן דאָס ליכטיקע ליד פאַרן דאָר,
עפשער היט שוין אן איינזאַמער זינגער זײַן בעט,
עפשער וועבן זיך קלאַנגען פון נײַעם געבעט,
עפשער הייבן זיך האַמערס סײַ דאָ און סײַ דאָרט,
און עס גליט און מע שמידט דאָס באַפליגלטע וואָרט,

לאָמיר, קינדער פון שטראָם
און פון נאַכט און פון טהאָם...
לאָמיר גיין!
לאָמיר גיין!
לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

ווען ס׳לעשט זיך דער אָפּקלאַנג פון אָדלערס געשריי,
לאָמיר, טרעטנדיק ווײַטער, א ריי נאָך א ריי,
טרינקען מוט פון די בערג, זינגען ס׳ליד פון דער נאַכט
און מיט מוט און מיט ווּט לאָמיר זוכן די שלאַכט,
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...
און ס׳האָבן די גלעקער געקלונגען...

פון טיפנאַכט געדרונגען,
זיי גייען, זיי גייען,
אין פינצטערע רונגען,
אין אומקלאָרע רייען,
צוזאַמען,
צוזאַמענגעדרייט
האָט זיך ס׳פאָלק מיטן הייליקן טויט
און ווי צונגען
אין פלאַמען
פארלאָרן —
אָן איינגוס געוואָרן —
זיך פּלוצלינג צעפּלאַטערט אין רויט־ברייטע פענער.
זיך פלאַמיק צעשמעטערט,
אַלץ העלישער־העליש צעבלעטערט.
אַלץ שטראַליקער, בלוטנדיק־שענער.
און ס׳האָבן די גלעקער געקלונגען...

היי! נעמט מיך מיט!
זאָל אין פינצטערן גאַנג אויך מײַן לויטער געמיט

שווײַגן שטום, ציילן פינצטערע טריט
בא דעם טהאָמיק־געזאנג...
איך גיי מיט מיט מײַן העל־נײַסטן ליד,
פון מיר הערט זיך די נאכט,
נאָר מיר לײַכט שוין די זון אין געמיט.
און עס האָבן די גלעקער געקלונגען...

ג

די שוואַרצקײַט ראָזט. ס׳איז פֿריש דער צערטלעך־יונגער מאָרגנשטערן.
ער טענצלט גרין און טריפֿט מיט זילבערנע פֿאַרבאָרג׳נע טרערן.
געלײַטערט ריין דורך נאַכט האָט זיך די גרויע, אַלטע ערד,
זי דרעמלט, עטעמט גרינגער־גרינגער, טשוכעט זיך און הערט:
די שווערע זון פֿון טאָג־לאַנד קײַקלט זיך און קלינגט מיט רויט.
ס׳איז שטיל. דער מאָרגן־מישמער שטייט לעם נאַכט־טיר גאָלדיק גרייט,
ער הייבט די שוואַרצע פֿאָרהאַנגען און מורמלט גליקלעך־העל:
די זון איז דאָ! די זון וואַרט אָט אָ־דאָ בײַ אונדזער שוועל!
די שטעט, ווי געטער אויף דער ערד, פֿון פֿינצטער אויסגעלייזט,
אין שווערער אײַנזאַמקײַט, אויף טונקלע שטרעקעס זוכן טרייסט.
ס׳איז גרויס די שאָ פֿאַר דעם באַגין; אין אומרו מיד און מידער
שטוינען שטעט מיט גרויע נאַקנס, קאַלטע בריסט און גלידער.

עס כּאַווערט זיך די שטאָלצע זון מיט געטער־שטעט, מיט ברידער.

אין שטאָט. ס׳איז אַ פֿאַרטאָג. מײַן שאָטן איז אין נאַכט פֿאַרבליבן.
איך גיי אין גאַסן און באַשווער, דאָס האַרץ זאָל ס׳לעבן ליבן.
דער ייִכעס־טרוים פֿאַרלאָשן זיך, וואָס ט׳העל די זעל געצונדן,
איצט ווײ־הויך ווינטלט, קילנדיק די פֿרישע, אַלטע וווּנדן.
מיר ווײנט אין האַרץ די מעגילע־שוואַרץ פֿון דאָר צו דאָר געטראָגן,
געגאָסן פֿריש מיט טוי, מיט בלוי־געזאַנג פֿון טכילעס־טאָגן.
אָ, היים, מײַן היים! איך זוך די שטריק, וואָס פֿירן צו די גלעקער.
זאָל זײַן דער גלאָק דער וועקער.
דער געלער פֿלאַם פֿון מעש זאָל שווער אויף אַלע שטעטלעך ברויזן,

טויבן קלינגען אין די שויבן, ווו די שכינעס הויזן.
דער וועג איז גרוי. איך שטײַג און בלאָנדזשע, פּילנדיק דעם טרוים
דעם טריבן,
אין וואנדער־גאנג איז פריש נאָך מיר דאָס גאָלעס־ליד פארבליבן.

איך גיי אין גאסן און באשווער דאָס הארץ, זאָל ס׳לעבן ליבן.

בין איך אלט? בין איך יונג?
אָ, מיך האָט שוין באזיגלט א קישעפדיק רונג.
ס׳איז באלאָדן דאָס הארץ
מיטן טרוים פון דער היים,
מיטן טונקעלן סאָד,
און געזאלבט פונעם אייביקן שמארץ
גיי איך טריב
אין דער פינצטערער ראָד,
און מוז לעסטערן אלץ, וואָס ס׳איז ליב,
כאָטש איך בלוטיק געהיים.

ס׳איז א וואָגשאָל די זעל!
לעם דער ליכטיקער טיר
וועגט זיך ס׳ליד, וואָס איך שפּין
(עפּעס טונקלס און העל),
און ווער וויסט, אָ, ווער וויסט, צי כ׳געווין,
צי כ׳פארליר.

ס׳בײַט א וואָך אויס א וואָך,
ס׳אײַלט א שאָ נאָך א שאָ,
ווו א וועג — דאָרט בין איך,
ווו א שטאָט — בין איך דאָ.

כ׳בין מיספאלעל צו זיך,
ווער פארשטייט מײַן געבעט?
ס׳איז א גרענעץ מײַן איך —
צווישן וועלדער און שטעט.

בין איך אלט? בין איך יונג?
אַ, מיך האָט שוין באַזיגלט א קישעפדיק רונג.
— — — — — — — — — — — — — —

און וואנדער ביז אָוונט...

...שטיל ווער איך פון בלאס־שײַן געזויבערט,
דער טרויער־געמיט פון די הימלען די גאסן באַצויבערט,
די ראָזעווע הייליקײַט לײַכט אזוי ריין אין די ברוסטן,
און ס׳דאכט: ס׳איז דאָס לעבן געריייניקט נאָך גאָר פון אנוסטן.
איצט ליכטיקע גרינקײַט וואשט ווייך, ווי א באלזאם, די גלידער
און ציטערדיק שײַנען פארשוומענע זעונגען ווידער.

ווי טרעפט מען דאָ ווערמען, וואָס זאָל מיך, פארבלאָנדזשעטן, פילן,
זאָל זאָגן: „איך קען דיך, מײַן פרײַנט, פאר א מענטשן א שטילן,
האָסטו נאָר געלויערט און קיינעם באשווערט מיט דײַן לעבן...״
כ׳האָב קיינעם באשווערט מיט מײַן לעבן... ס׳וועט עלנט זיך וועבן
מײַן אָטעם־געוועב אף דער וועלט בא פאריגלטע טירן.
און שפּירונגען שטילע, ווי נעפּלען, מײַן זעל וועלן צירן.

עס שאריִעט אף נאכט. שטומע מויערן טיפן זיך אײַנעט,
איך עפן א טיר און פארנעם, ווי די נאכט־מאלקע טײַנעט:
ס׳איז איינזאם דער מענטש, ווי א פייגעלע איינס אין די סעדער,
איר שטימעלע טריפט אין דער פינצטער פארגאנגען, און יעדער
באבלעטערטער בוים איז א גוס פונעם פאכעד געשמאָלצן, —
איך שטײַג אף די טרעפּ אין א מויער אן אומעטיק־שטאָלצן.
עס עפנט זיך רויִק א טיר אינעם אייבערשטן גאָרן,
איך שטעל זיך אין דורכגאנג און מורמל „גוט נ׳אָוונט!״ פארלאָרן.

דאָס הויז איז מיד מעבלירט. אין פײַנער עלנטקײַט צעפאלן די פאָרטיערן.
ס׳גליט ווייך אין זייער רויטלעכקײַט די שײַן פון טונקעלע באגערן.
אין אלע צימערן ווייט רויִקײַט, די שטילע זיפצן פון א קראנקן.
און ריינע פרייד פארלאָשענע דורך פינקלענדע געטראנקען...
די שטולן עטעמען מיט לינדער בענקשאפט פון די אָוונט־בלויען,
טריפן מיט א דינעם אראָמאט פון קערפּערס צערטלעכע פון פרויען.

די רוימען פילן נאָך פון קליידער זײַדענע דאָס שאָרכן,
אין טיפֿן ווידערטרוים די ווענט פארנעמען עס און האָרכן, האָרכן.
עס שלאָפֿן אײַן די ברייטע, ברוינע רויִקע בופֿעטן.
די ווײַסע אייוועלעך, די שטומע מעלאַנכאָליש־שווערע בעטן.
צוויי מיידלעך שטילע, מיד באַרוטע טונקעלע געשטאַלטן,
אין אָפּן נײַער בוך, און בילדער אַף די ווענט — די טרוימער נאָכן אַלטן...
עס רוט די איינזאַמקײַט אין אַלע גלעזער, טוליעט זיך אין ווייכקײַט
צו די שוועלן
און גיסט די דילן אָפּ מיט ווייכע וועלן.

גוט ב׳אָוונט! די שטילע געשטאַלטן,
וואָס טרוימען אין רויִקע ווינקלען,
און גאַרן אין שאָטן באַהאַלטן,
פֿאַרטונקלען די זעלעס, וואָס פֿינקלען.

א לויב צו דעם הינטערן לעבן!
צו די, וואָס אין טונקלקײַט מיינען
דעם נאַקן און פּאָנעם פֿאַרוועבן
און הערן פֿון זײַט די געוויינען.

געבענטשט זײַט, איר שטעטישע בענקער
(וואָס שווײַגן, פֿון פּאַכעד געבויגן).
דאָס בלוטיקע העמדל פֿון הענקער
לײַכט הייליק אין אײַערע אויגן.

א לויב צו די ייִדישע טעכטער,
אליין, ערגעץ־ווו אין א מויער,
באַהאַלטענע איינזאַמע וועכטער
פֿון טרויער, פֿון אייביקן טרויער.

איך קום צו אײַך פול מיט אָפּקלאַנגען
פון גלעקער, איר זאָלט זיי פאַרנעמען,
פאַרמישט איז דאָס הארץ מיט געזאַנגען,
און כ׳פיל אין זיי אײַערע נעמען:
אַליע און מיריאַם!
מיד־מאַטאָווע, בלאַנדזשענדע טענער...
פאַרפלויגענע אײנזאַם פון אונטער די ברוין־רויטע פּענער.
דאָס רויט האָט געפלייצט פון די שטאַנגען אין ברויזנדע פאַלבן,
האָט ביטער פאַרטרונקען די מאַכנע... אײַך, ליבינקע שוואַלבן,
פאַרצאַמט אינעם בלוטיק־געוויטער,
די שטים אָפּגענומען.
פליט, פייגעלעך שוואַכע,
צוזאַמען,
רונד, — שווערע געמיטער,
געזאַלבטע צו ראַכע,
שטומען,
ברומען, ווי פלאַמען.
דאָס הארץ אָפּגענומען,
די שטים פון די אויגן...
דאָרט, אונטער די פּענער
פון כצאָס־נאַכט באַגאָסן,
האָט איר זיך געצויגן
אין ריי מיט פרעמד־פינצטערע מענער,
טיף שווײַגנד געשלאָסן.
צוריק און אַרום און פאָרויס —
די שוואַרצע נאָר שוואַרצאַפּלען טליִען,
און ס׳האָט זיך געלאַגערט אַ הויז אויף אַ הויז,
און ס׳האָבן די גלעקער געשריִען!

אַליע!
ס׳האָט קלינגענדער גינגאָלד באַשווערט דײַן געהער,
ס׳האָט מילד דיך געפּײַניקט די לאַסט פון אַ ליכטיקער טרער,
עס האָט דיר דער אָטעם פון ליליען צערייצט פאַרגעפּילן

צו עמעצן־ווו צווישן בלומען.
דאָך האָסטו געלעבט אין די רייען,
ווען ס׳האָבן זיך נאכט־בערג צענומען,
דאָרט אונטער די גלעקער־געשרייען...

דו זיצסט בא דעם פענצטער,
דער אָוונט דער ציטערדיק־בלויער, דער פאָרכטיק־געבענטשטער,
רוט גרינג אין דיר, זינגענדיק אומקלאָרס פון לעבן.
אָ, איצט איז די שאָ פון נעשאָמע, וואָס וויל זיך פארגעבן!
די לויטערע רונדקייט פון אָרעם פון דיינעם
זינגט שטיל, שטיל, שטיל... אין אַ ריטם א צניעסדיק־פיינעם.
מיר זיינען אין וווּנדערלעך אָוונט־געצעלט, —
די זעונגען לייכטן און ריינע און איינע נאָך איינע פארגייען.
באלד, באלד — די וועלט גייט אויס, די אלטע וועלט
אין טיפע ווייען...

ד

באגינען. איך האָב זיך געפּעדערט. די שטאָט רוט אין קלעם.
דער טאָג, ווי א ראָזעווער זאָקן, הייבט ציט'ריק זײַן ליכטיקע ברעם
און פינטלט אין טונקלקייט, פינקלענדיק קישעפּדיק־פּריש.
עס שמייכלט מיר שלעפּ'ריק דאָס בראָנזענע פערדל פון טיש:
גוט־מאָרגן!
גוט־מאָרגן, גוט־יאָר!
איך ליב עס, דאָס קאַלטינקע, שווארצינקע פערדל, ביז גאָר,
מײַן פרייד אף דער וועלט! אָ, איך ווייס, ווער ס'וועט בענקען נאָך מיר:
דאָס פערדעלע קליינס, די קאָטשערע שטיל בא דער וואנט און די
קליאמקע פון טיר...

כ'פארלאָז הײַנט די שטאָט!
ס'איז מײַן אורוועג געצווייט, און געציילט איז איעטווידער טראָט.
ס'ליגן דערפער און שטעט,
און מיד וואנדער איך צווישן פון פרי־טאָג ביז שפּעט.

מײַן צימער איז פריש פונעם קילן באגין אָפּגעפרישט,
שטילע רויטלעכקייט טריפט, גאָלדיק־בלוי ווערט די לופט אויסגעמישט.
עלנט פיל איך אין צימער, ווי ס'הילכן די ליידיקע גאסן.
כ'פיל טויזנטער־טויזנטער פענצטער. די פליגלען פון נאכט נעמען בלאסן.
די שאָטנס — צעזעצט בא די ווענט — מאכן ס'צימערל שטומער,
מײַן פּעקעלע דרעמלט אין ווינקל און באָדט זיך אין טונקעלן קומער,
איך זיץ בעיעכידעס באם טיר. אונטן קלינגען שוין שליסלען באם טויער.
פּאמעלעך גיי איך פון צימער, ווי כ'וואָלט זיך געגאנוועט פון טרויער.

גאסן!
שטײַגן שטײנערנע פּאַר שטראָמענדיקע מאסן,
שטומע שטיבער, שטײנער שטומע, שטיקער שטאָל און אײַזן,
אופגעטורעמט גאָרנדיק אין לענגען, פּירעקן און קרײַזן.
ס׳לעבט אין אײַך דער צאַר און ווײ פון שוואַרצער ערד, וואָס טרויערט,
ס׳איז אין אײַך דער גרוי־געשרײ פון הערצער־אַרץ פאַרמויערט,
ס׳גליט אין אײַך דער גיפט פון דאָר, וואָס טריפט אין די געמיטער.
ס׳קלינגט אין אײַך דער גלעקער־קלאַנג פון שטראַליקן געוויטער.

כ׳בין אײנער אפן גאַס אין גאָלדיק־זײַדענעם באַגינען!
כ׳הער ווײַט־ווײַט אַרום די שטרעקעס ראַכוועסדיקע גרינען,
די פעטע, פרישע, וואַרעמע און שוואַרצע פלײנען —
זײ קילן זיך פאַרכאָלעמטע אין וועטער־שטראָם דעם לינדן,
אַראָפּהאַנגען פון בערג שווער־נעפּלדיקע שטוינען,
און ס׳ריזלען אונטער זײ די יונגע פרילינגס־אינדן.
איך גײ אין דאָרף, ווו אַלטע כאַטעס וועבן
די שטילע פרײד פאַר דעם פאַרטײלטן גײער,
וואָס בלאָנדזשעט גלײַך מיט מיר פאַרבײַ דעם לעבן
און רופט און שילט און קלאַפּט אין זײַן פאַרמאַכטן טויער,

און רופט און שילט און קלאַפּט אין זײַן פאַרמאַכטן טויער...

פאַרוווּנדערט פרעגן מיך די טויער־וועכטער:
— וואָס איז דעם וואַנדערער די נאַכט פאַרלאָפן?
צי דען געפעלט ער ניט די הײסע טעכטער?
צי דען...
עס יאָגט מיך כוצפּעדיק אַן אַלט געלעכטער.
איך בין פאַרשעמטערהײט פון זײ אַנטלאָפן...

וועלדער, וועלדער, גרינע אײביקײַטן!
דאָס מיד־באַשעפענישל קומט
פון שטאָט, אין די באַוואַלדטע ווײַטן,
ווו אײַער שווײַגעניש די גרינע ברומט.
אַ, וועלדער, גרינע אײביקײַטן!

ס׳איז שפּעט, אפּאָנעם, שפּעט!
עס שרײַט דערווירבל־פּלאָם פון אָנגעגליטע שטעט,
דרײַ רוכעס רויט און אײַזערנע אדורך די וועגן רײַטן,
אדורכן רויך און רויך, פאַבריקן און טעלעגראַפן־דראָטן
און ווילד־צעווילדעוועטע שטרײַטן:
דער פלאַמיק־מענטש, דער שטאָט־סאר און דער שאָטן.
אָ, וועלדער, וועלט־טיטאַנען!
ס׳פאַרטויבן הייזעריקע אײַזנבאַנען
די שטילע וועלט...
ס׳איז וויסטע קעלט!
איך לויף געמיין, געליימט און מיד פון שטרײַט,
אליין...
ס׳איז רויטע צײַט!
דער רויטער רײַטער רײַט!

1919

יאָסטע דער שמיד

Ich bin die Flamme.

Heine

צו כאנקען

עס זויפט דאָס האַרץ דײַן שוואַרצע שײַן
און רײַסט זיך, ווי א וואָלף פון שטײַג,
נאָר ס'איז מײַן צונג געליימט פון פּײַן
און כ'שווײַג...

איך שווײַג. דער פלאַם פאַרשליסט דאָס מויל.
נאָר זײַ מיר מויכל פאַר דער שאָ,
ווען אין א פֿײַערדיקן קנויל
מיר וועלן וואַלגערן זיך דאָ.

זײַ וויסן: כ'בין א זון פון די,
וואָס צינדן שטעט און בלענדן און פאַרסאַמען,
וואָס ליבן נאָר דעם אינדערפרי
און ליבן פלאַמען.

א. א פּראַסטער, א ברוינער

כאָ... כאָ... ניט מיינט, זאָג איך, כ׳בין שוין טאקע א שמיד,
א פּראָסטער שמיד אזא, א ברוינער, וואָס שטייט מיטן האמער
איבער דער קאָוואדלע און שמידט אײַזנס, פּאָדקאָוועס און רעדער.
ס׳וועט זײַן פון אײַך א ביטערער טאָעס, כאָטש מיך קימערט עס ניט.

כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געמישט צווישן אײַך. טפוי!
דער ברייטער טראקט גייט אדורך פארבײַ מײַן קוזניע.
כ׳פלעג זיך אָפּשטעלן קוקן אף אײַך.
מיך האָט איר אָבער קיינמאָל ניט געזען, כאָ... כאָ... כאָ...

די דארינקע אײַערע, כ׳האָב עס געזען, גייען צופוס מיט די קלומקעס
אף די פּלייצעס,
די געזונטע אײַערע רײַטן אף געזונטע פערד,
די ראָזע, די באשמאלצטע פאָרן אין קארעטן.
כ׳ווייס קימאט פון אלץ... אָהאָ... ניט מיינט, זאָג איך, כ׳בין טאקע א שמיד.

ס׳טרעפט אמאָל, ווילט זיך מיר א קוק טאָן דורך א שפּעלטל אפן טראקט.
כ׳זע דעמאָלט די גאנצע וועלט... כאָ... כאָ... כאָ...
ס׳האָט עמעצער געוואָלט ארײַנקוקן אדורכן שפּעלטעלע צו מיר, אין
מײַן קוזניע ארײַן —
האָב איך אים אָנגעשפּיגן א פולן פּאָנעם:
ניט קוק, זאָג איך, דו טרייפענער טראָפּ, אין מײַן קוזניע ארײַן.

ב. ווען די זון פארגייט

שלאָפט איר ניט, זײַט איר וואך — הער איך גאָרניט.
איר מאכט זייער א שווערן טומל.
מיר דאכט, אײַער ארבעט איז אזא, וואָס איטלעכער פוז אײַך פירט ליידיקע
פעסער אף צו לעהאכעס.
אזא טומל מאכט איר אָן.
איך ווארט, ס׳זאָל ווערן פארנאכטלעך.
דעמאָלט ווערט דער טראקט קילער אזוי.
שטיל.
דעמאָלט הער איך דעם קלענסטן שאָרך.
זאָל דער ווינט איבערקערן א בלעטל אף א בוים, אפילע אָט דעם
קליינעם ריר — הער איך דעמאָלט.

ס׳איז אזא געהער בא מיר.
פארנאכטלעך עפן איך אוף די טיר פון מײַן קוזניע.
ס׳ווערט ענג אין קוזניע, ווען די זון פארגייט,
שווער צו בלײַבן, בייס די זון שטארבט הינטער א פארמאכטער טיר.
כ׳זעץ זיך אפן שוועל.
כ׳פארויכער די ליולקע און רייד צו זיך אפן קאָל.
כ׳מוז אמאָל ריידן צו זיך אפן קאָל.
ווער ווייסט, אניט וואָלט איך דערשטיקט געוואָרן.
יאָסטע, זאָג איך, די זון שטארבט אף די פעלדער, אף די שטעט און אף
די וועלדער.
פון דער זון גיסן זיך גאנצע עמערס בלוט איבער אלע יאמען און
מידבאָריעס.
ניט מיין, יאָסטע, אז די ערד איז אזוי קליין.

שויטע, הייב זיך אוף מיטאמאָל!
גיי און שפּאַן אוועק אין אָט אָ־דעם פֿײַער איבער דער ערד.
פֿון איין יאַם צו דעם צווייטן יאַם.
ביסט אַ פּראָסטער באָכער פֿון דער קוזניע!
נעם דעם האַמער דײַנעם און גיי איבער דער וועלט.
ס׳פּלוידערן די ראַיוינעס מײַנע.
פֿאַרנאַכט פּלוידערן אַזוי עפּעס די ראַיוינעס מײַנע.
יאָסטע, שרײַט עס אין מײַן האַרצן, דער אָוונט קלינגט ווי אַ גלאָק.
כאָ... כאָ... כאָ...

ג. כאנקע — א פײַערדיקע קאלע

כאנקע, היי, כאנקע, קום צו מיר פארנאכט.
איך זיץ בא דער קוזניע און איך רויכער מײַן ליולקע.
אנומלטן, צי געדענקסטו דאָס, האָבן מיר זיך געטראָפן אין מיקיטעס סעדער.
כ׳האָב אָן דײַן הייסן, פארברוינטן האלדז אָפּגעברענט מײַנע ליפּן.
כאנקע, דו ביסט די שטארקסטע צווישן אלע מאדן אין אונדזער קאנט.
קום צו מיר פארנאכט, ווען איך רו זיך אָפּ פון דער ארבעט.
היי, ס׳ברענט אין דעם קאָפּ און אין הארצן א פײַער א שטארקער, וואָס
פארטומלט מיר מײַנע ראַיוינעס.
ס׳איז עפּעס א שווערער, ניט קיין ריינער פײַער, וואָס פארברענט אף
אש מײַנע גלידער.
כ׳קאָן ניט זיצן רויק בא דער קוזניע.
כ׳קאָן ניט עטעמען אָן דיר, טײַערע, טײַערינקע כאנקע מײַנע.
איך וועל זיך, אָט אזוי, קײַקלען אף דעם נאסן גראָז.
אָט אזוי וועל איך מיטן קאלטן טוי אָפּקילן דעם הייסן קאָפּ.
אײַנשטשעמען זיך,
היי, אײַנשטשעמען זיך און קושן אָן אופהער די רויע ערד, דיך!
די ערד, כאנקען, ניין, דיך!
היי, כאנקע, קום צו גיין!
איך וועל רעווען באנאכט, ווי א געקוילעטער, איבער דער גאנצער געגנט.
ס׳פעלט מיר דער אָטעם צום לעבן,
איך האָב ניט די רו אפן געלעגער.
ס׳איז מיר אזוי ענג אף דער גאנצער וועלט.
ס׳איז מיר אזוי ענג אָן דיר.
עס שווימט א פינצטערע כמארע פון מײַן הארצן.

ס׳איז א סרייפע אף דער וועלט!
מיר ברענען, דער הימל און די ערד ברענען.
ס׳גיסט זיך א פײַער אין די טײַכן.
ס׳ברענען די פעלדער און די וועלדער ברענען.
שטייט אוף!
היי, שטייט אוף!
רײַסט אראָפּ די לאָדן פון די הײַזער,
ס׳איז א סרייפע אף דער וועלט!
כאנקע, קום צו גיין!
דו זאָלסט קומען צו מיר.
איך בעט עס בא דיר, כאנקעלע, קום צו גיין.
א שטילינקער וועל איך ליגן.
אָט אזוי שטיל, ווי א שעפּסעלע.
דו וועסט זיצן אָט דאָ אפן שוועל.
איך — אף דער ערד וועל איך ליגן אויסגעצויגן.
מיטן קאָפּ אף די הענט וועל איך ליגן.
אָט אזוי.
איך וועל דיך פרעגן: כאנקעלע, האָסטו שוין אויסגעמאָלקן די בעהיימעס
דײַנע?

און כ׳וועל זיך צוזעצן צו דיר פּאמעלינקעס אזוי.
און כ׳וועל דיך אזוי פּאמעלינקעס פרעגן:
וואָס איז עס פאר א ברוין פּינטעלע בא דיר?
איך וועל עס א קוש טאָן, א שטילן קוש, א שטילינקן.
ווי א טײַבעלע קושט א טײַבעלע.
ווייסט, כאנקעלע, וועל איך זאָגן, דײַנע שווארצע צעפּ זײַנען שווארצער
פון מײַן באָרד,

שווארצער פון די קוילן אין דער קוזניע.
און דײַן עלנבויגן איז אזא ברוינער, פארברענט פון דער זון.
אָבער סארא וואַרעמינקער ער איז!
זע, קוק זיך צו, כאנקעלע, וואָס איז עס?
דײַן גאנצער עלנבויגן איז פארברענט פון דער זון?!
כא... כא... כא...
אינגאנצן ביסטו גאָר פארברענט ווי א שווארצע זון.
ביסטו גאָר א פײַער אזא,

אזא הייסער פײַער, וואָס רײַסט זיך, כא... כא... כא...
שטארקער, כאנקעלע, רײַסט מען זיך, בײַסט מען זיך,
שטארקער!
און ארומנעמען דארף מען זיך מיט בײדע הענט ארום,
און צודריקן זיך,
און אָט אזוי אײַנבײַסן און אופהייבן אין דער הייך.
שטארק, אזוי ווי אן אָנגעגליטן אײַזן.
און אויב דו ווילסט, כאנקע, טראָג איך דיך אוועק איבערן טראַקט.
אָט אזוי...
היי, יאָסטע דער שמיד טראָגט כאנקען צו דער כופּה!
לאָזט דאָרטן דעם וועג, לענטעכער, פארטרײַבן קאָן מען זיי ניט פון ארום דער קוזניע.
אין דער פינצטער טראָג איך זי, מײַן פײַערדיקע קאלע.
כאנקע לײַכט מיר, ווי א ברענענדיקע האָלאָוועשקע אין דער פינצטער.
כאָ... כאָ... אָט אזוי האָב איך זי, די כאנקע מײַנע!
פּלוצלינג קומט זי גאָר אין א פארנאכט,
און אין דער פינצטער גאָר,
איז פינצטער גאָר,
און גאָרנישט זעט מען,
גאָרנישט איז ניטאָ,
איז גאָר ניטאָ די כאנקע מײַנע?
גאָרניט...
היי, ווו איז זי, ווו?
כאנקע, כאנקעלע, ווו ביסטו, ווו?
ביסטו דאָ געווען איצטער,
אין דער פינצטער ביסטו דאָ געווען?
בין איך גאָר אפן טראַקט אליין?!
און ס'איז שוין שפּעט.
שוין האלבע נאכט... האלבע נאכט אליין.
אליין... אליין... גאָר אײנינקער אליין...

ד. אין דער פינצטער

אָהאָ, ניט מיינט, איך בין שוין טאקע א שמיד.
א פראָסטער שמיד אזא, א ברוינער.
ס׳איז די קוזניע מײַנע!
און ס׳איז מײַן ברוסט — די שטארקסטע ברוסט פון אלע ברוסטן בא די
מענטשן אף דער ערד.
און הייב איך אוף דעם האמער מײַנעם, טרייסלען זיך די ווענט פון קוזניע.
און טויזנט הערצער שלאָגן דעמאָלט אין מײַן ברוסט.
אָט סארא שמיד בין איך, כאָ... כאָ... כאָ...
אָט סארא יאָסטע בין איך!
און זינג איך לידער —
טויזנט שטימעס שרײַען פון מײַן האלדז.
גאָר גראָבע שטימעס אזוינע און פינצטערע, ווי פון א ברונעם ארויס.
פארקאשער איך די ארבל און איך נעם דעם האמער מײַנעם, זינגען
שוין אליין, פון זיך אליין די לידער.
ווער ווייסט, אניט וואָלט איך דערשטיקט געוואָרן. כאָ... כאָ... כאָ...
ס׳איז פינצטער, האָ?
כ׳וועל פארויכערן די ליולקע אין דער פינצטער.
כ׳וועל אויסהאקן פײַער און פארויכערן די ליולקע אין דער פינצטער.
היי, ווער איז דאָרטן, ווער?!
ווער איז עס דאָרטן?!
א גייער?!
גיי ווײַטער, גייער.
בלאָנדזשע ניט באנאכט ארום מײַן קוזניע.
כ׳האָב סײַוויסײַ גאָרנישט... כאָ... כאָ... כאָ...

אַט אזוי זיץ איך מיט די הענט אױף די קני און איך האָב גאָרנישט.
ס׳רוט אָפּ די קוזניע אין דער פינצטער,
און דער האמער מײַנער ליגט איינינקער אליין בא דער קאָוואדלע,
און ער דרעמלט אזוי איינינקער אליין, כאָ... כאָ... כאָ...
באדערנאכט ליגט א האמער אזא,
און א קוזניע,
און עס זיצט א גרויסער שמיד אזא,
און ס׳איז זיי זאלבעדריט אזוי וויסט ערגעץ בא א ליידיקן טראקט
אין דער פינצטער.

כאָ... כאָ... שווערע פּלייצעס מײַנע,
ליימענע אזויניקע,
הענגט איר דאָך עפּעס אזוי שווער אױף א פינצטערן קאָוואל אזא.
כאָ... כאָ... כאָ...
ס׳איז גאָר דער קאָוואל מיסטאמע איך, דער גרויסער יאָסטע, דער געזונטער.
עס זיצט זיך אַט אָ־דער יאָסטע, די בעהיימע, גלאט אזוי באדערנאכט,
און דער האמער זײַנער?..
אָ, סע שפּרינגט גאָר דער האמער זײַנער אין דער פינצטער.
ס׳איז דאָך אים אזוי וויסט,
און סע בענקט זיך דאָך אים נאָך א כאנקען, דעם האמער זײַנעם.
אוואדע בענקט זיך עס דעם האמער זײַנעם.
עס ווילט זיך אים דורכטאנצן מיט די באָרוועסע פיסלעך אױף א הייסער
פּאַדקעווע, א רויטינקער,

א הייסינקער אזא... כי... כי... כי...
טאָ וואָס זשע שווײַגט ער, דער נארעלע!
ס׳איז דאָס א נארעלע אזא!
אַט שוין טאקע בלאָזן מיר עס אזוי פאנאנדער דעם גרויסן פײַער אין
דער קוזניע.

וועט עס אזוי כראָפּען דער בלאָזזאק, טאטינקעס,
וועט עס אזוי קרעכצן דער באדערנאכט!
כאָ... כאָ... כאָ...
אַט אזוי־אָ, באָרעכהאשעם, א געזונטער יאָסטע,
מיט א נאקעט הארץ אזא,
און מיט נאקעטע פּלייצעס.
עך, מיט א שטריק אזוי פארבינדט מען זיך דעם פארטעך,

אַט אזוי...
נו, איצטער, שטארקער אזוי, מיט קויעך.
ווארט א ווײַלעטשקע...
אַט־אַ... סארא פײַער אזא.
כא... כא... סארא כראָפּעניש אין דער קוזניע!
טײַערער האמער מײַנער!
סאראן אלטע ייִדענע די קוזניע, גאָר אַן אלטע,
איז שוין גאָר אַן צײַנער די אלטיטשקע מיסטאמע.
ווערט עס בלײַבן, דאָס האמערוקל, א יאָסעם איבער הונדערט און
צוואנציק יאָר,
כא... כא... כא...
ווערט ער עס זאָגן קאדיש.
אַט אזוי־אַ... כא... כא... כא...

ה. פײַער־פלאַם מיט פײַער

אָהאָ... ניט מיינט, איך בין שוין טאַקע א שמיד.
א פּראָסטער, ברוינער שמיד, וואָס שטייט מיטן האַמער איבער דער קאָוואַדלע און שמידט אײַזנס, פּאָדקעוועס און רעדער.
כ׳בין א פײַער.
פון צווישן פײַער מיט פײַער בין איך אַרויס א ברוינער פײַער
מיט אויגן שוואַרצער פײַער און א שוואַרצער פײַערדיקער באָרד.
און ס׳איז דער האַמער מײַנער טויטער פײַער.
ברענען מיר באַנאַכט, מיר, ברידער, איבער רויטע אײַזנס,
צעבלעטערן מיר זיך קרומע, הייסע, רויטע בלעטער,
עטעמען דעם בראַנד,
און פלאַקערן, און גיסן זיך צוזאַמען.
פלאַמען,
פלאַם מיט פלאַם!
און מישן אויס צוזאַמען
פײַער־פלאַם מיט פײַער.
כ׳בין א פײַער, און ס׳איז דער קויעך מײַנער פײַער.
ברענען מיר אין רויך,
און פלוצלינג בין איך גאָר דער יאָסטע צווישן פלאַמען,
ברידער פלאַם און פלאַם —
א ברוינער און א רויטער פײַער.
ציִען מיר זיך, ברידער, נעענטער,
האַלדזן זיך,
און ס׳גיסן זיך אין פײַער אויס די גלידער,
און אָט בין איך פלוצלינג א פאַרברענטער,

און אָט בין איך ווידער,
איך!
איך, דער יאָסטע, בין שוין ווידער.
כ׳בין א פײַער. און ס׳איז די געשאָמע מײַנע פײַער, פײַער...
שטארקער שמיד איך אויס די אײַזנס, פאָדקעוועס און רעדער,
אָט אזוי... היי!..
און עס רינגלען מיך אלץ שווער און שווערער אום
די פלאמענדיקע רונגען,
און די פײַערדיקע ריגלען
רונד ארום,
די פלאמען־צונגען
און אלץ ברייט און ברייטער
שלאָגן פליגלען
אויסגעשפרייטע,
רויטער, אויסגעשפרייטער,
און אָט ווידער בין איך פלוצלינג — איך.
דער איך!
דער יאָסטע ברוין און שווער,
און כ׳לעב,
און כ׳צינד,
און כ׳ברען,
און ס׳איז א סרייפע,
היי, עס איז א סרייפע, רײַסט אראָפּ די לאָדן!
ס׳איז א סרייפע אף דער ערד.

ו. אינדערפרי

פאַרטאָג. כ׳זיץ אַזוי אויפן שוועל פון מײַן קוזניע און רויכער מײַן ליולקע.
כ׳זיץ אַזוי אויפן שוועל פון מײַן קוזניע און רויכער מײַן ליולקע.
ס׳איז אַזוי מעכטיַע פריש פאַרטאָג.
ס׳גייט פאַרבײַ פריִער איין ווינטעלע און ער טראָגט פון די סעדער דעם
ריח פון מיענטע.
ס׳גייט דורך אַ צווייטער ווינטעלע און ער טראָגט פון די פעלדער דעם
ריח פון פרישינקן היי.
און נאָך אַ ווינטעלע טראָגט דעם שיקערן ריח פון מיסט אויף די פעלדער.
סאַרא געשמאַקע רייכעס עס זײַנען דאָ פאַרטאָג אַרום מײַן קוזניע.
פאַרטאָג, ווען עס איז לאַכלוטן שטיל... כאָ... כאָ... כאָ...
עס האָט ווער אַ זיפצע געטאָן?!
ניין?!
דאָס גייט אויף די זון מיסטאַמע.
די פרישע זון עס גייט אויף.
אוואַדע... אוואַדע... כאָ... כאָ... כאָ...
נישקאָשע, איך הער אַלץ — ס׳איז אַזאַ געהער בײַ מיר.

1920

רײַסן

א. רײַסן

אָ, דער זיידע פון קאָבילניק איז א ייִד א פּאַשעטער,
א פויער מיט א פּעלץ און מיט א האק און מיט א פערד...
און מײַנע זעכצן פעטערס און מײַן טאטע —
ייִדן פּראָסטע, ייִדן, ווי די שטיקער ערד,
טרײַבן פּליטן אף די טײַכן, שלעפּן קלעצער פון די וועלדער.
און דעם גאנצן טאָג געהאָרעוועט, ווי כלאָפּעס,
עסט מען וועטשערע פארנאכט צוזאמען פון איין שיסל.
און מע פאלט אנידער אין די זעכצן בעטן ווי די סנאָפּעס.
דער זיידע, אָ, דער זיידע קלעטערט קוים ארופּעט אפן אויוון,
ער איז, דער אלטיטשקער, באם טיש אנשלאָפן שוין געוואָרן,
נאָר די פּיס — זיי ווייסן, פירן זיי אליין אים אָפּ צום אויוון,
דעם זיידנס גוטע פיס, וואָס דינען אים פון קאמע יאָרן.

ב. מע קאָסיעט היי

אין פעלד האָט געגומען שוין ציִען מיט נעפּלען פון אָסיען.
ארויס איז דער זיידע פאַרטאָג צום געמויזעכץ דאָס היי אראָפּקאָסיען,
איז מען באם שאַרזען אף טאָג שוין געווען בעגילופן
אזוי ווי די עמעסע קלעזמער,
מע האָט זיך צעשטעלט זאלבעאכצעט, דער זיידע בעראָש,
און אוועק איז א מיזמער:
א שפּרײַז, און א קער מיט די פּלייצעס, א סווישטש,
פונקט עס טאַנצן אין זומפּ ארום בליצן.
פאַר דאָס שטיקעלע ברויט, — האָט דער זיידע געזאָגט, —
מוז מען, קינדערלעך, שוויצן...
און ס׳האָבן זיך בלאַנקער די קאָסעס צעפּײַפט,
די קאַפּאָטעס אראָפּ, מיט באוואקסענע גלידער,
אזוי ווי די האָריקע יאָדלעס — א טאַטע אן אלטער
מיט זיבעצן לײַבלעכע ברידער...
עס צופּן די קאָסעס, ס׳צעשפּריצט זיך דער טוי,
און עס פאַלן די גרעזער אף גרעזער אנידער,
א פייגעלע זינגט אף א נוסבוים דערבײַ,
אז דער זיידע קאָן פּאַשעט קיין אָרט ניט געפינען:
„וואָס זאָגסטו דערצו? נא דיר גאָר א קאַנאַריק, א כאַזן,
אינמיטנדערינען"...
דאָ נעמט מען זיך טאָטשען די קאָסעס, פאַרויכערט מען,
כאַפּט מען א זופּעלע קוואַס פונעם קריגל,
דערנאָך שטייט מען אוף מיט א קרעכץ... פּאַמאָהײַ באָך!
א קלונג, און עס טוט זיך די קאָסע א שפּיגל,

באוויַזט זיך, פאַרשווינדט צווישן גראָז, טוט אַ בלאַנק —
אַכצן קאָסעס קעסיידער!
און ס׳בייגן זיך זיכער די הענט, אָ, עס קנאַקן די שענקלען,
און פעסט זיצט איעטווידער גוידער —
אַזוי ביז דער אוילעם דערזעט, ווי דער רויטער פאַרנאַכט
לײַכט זיך אָפּ אין די קאָסעס,
טוט כעוורע אַ שמייכל. מע זעט שוין דעם העריגנג דעם ברייטן,
דער באָבעשיס קעז־סאַלטענאָסעס,
דערלאַנגט מען אַ נעם די קאַפּאָטעס, מע גייט און מע הערט
צו די וואַכטלען, וואָס שרײַען,
מע גייט מיט די קאָסעס, פאַרלייגט אַף די פּלייצעס,
מע קוקט און מע שווײַגט, ווי די שלײַען.

ג. די באָבעשי

די באָבעשי געוועזן איז א ייִדענע א צנוע,
א מייַסטער פון א קינדלערקע — א קינד צו יעדן פרילינג.
און גרינג, און גאָר אָן ווייען, פונקט ווי הינער לייגן אייער,
האָט זי געלייגט די צווילינגען — א צווילינג נאָך א צווילינג.
דריַי פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אפן בוידעם,
צוויי פעטערס האָט די באָבעשי פארלאָרן צווישן אייַער,
עלף פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אפן אויוון,
מייַן טאטן האָט די באָבעשי געבאָרן אין א שייַער...
און דאן האָט זיך איר מוטערטראכט אף אייביק צוגעשלאָסן,
די באָבעשי האָט אָפּגעשענקט פאר אָרעמע די ווינדעלעך,
די באָבעשי, די טייַערע, האָט אָפּגעטאָן דאָס איריקע,
איז זי אין שטוב ארומגעגאנגען,
ווי א קאטשקע צווישן הינדעלעך...

ד. מע טרײַבט פליטן

עס האָבן די נעפּלען פאַרווישט און פאַרשמירט אַלע דערפער און וועגן,
אין פעלד טאַפּט מען אָן מיטן ווארעמען פּאָנעם די קאַלטקייט
פון הענגענדן רעגן...
עס ווײַזן זיך פלעקן פוןביימער, פון ערגעץ א הויף,
אָן אַסוויר פון א ברונעם,
נאָר ס׳שווימט עפּעס אָן, עס ווערט ווײַס פאַר די אויגן...
און אַלץ ווערט אין נעפּל צערונען.
א טרוקענער צווײַג פאַלט אַראָפּ. עס איז שטיל.
א פויגל הייבט אָנעט צו קלאָגן:
„ס׳קומט אויסעט אין לעבן אַזויפיל אַריבערצוטראָגן,
אַזויפיל אַריבערצוטראָגן...״
די צענדליקער קוועלכעלעך פליעסקען צווישן די בייטן
און מורמלען און ריידן,
און צווישן די נעפּלען ווײַט־ווײַט אַפן ניעמאַן דערהערט זיך
די שטים פונעם זיידן:
„שמוליע, היי, שמוליע,
פאַרפּאַטש דעם הינטן אַף סקאַרוליע!..״
דער זיידע קריכט אום מיט א באָרד מיט א נאַסער
און טאַפּט די שוואַרצוועס,
די פּעטערס אין נעפּל מיט לאַנגע בוסאַקעס מע שפּרײַזט אַף די פּליטן,

אַט ווערן זיי נעלעם. מע הערט נאָר ארויס פון דער ווײַט
דעם געשריַענעם שמועס,
עס טוען א פּליעסק אָפּאטשינעס, א גראָב, און דער שטראָם ווערט צעשניטן...
דער נעפּל פּילט אויסעט די ליימיקע ברעגן, ניטאָ —
ניט קיין ערד, ניט קיין וואסער.
און ווייך איז די געגנט אזוי, און מאמאָשעס —
א ווארעמער אָטעם א בלאסער...
נאָר ס׳וויקלט זיך עפּעס. אָט גייען די קאָלערליי טאָלן
און וועלדער אריבער,
דאָרט שטייען פארוויקלט די הײַזער, באדעקטע ווי מעבל
אין גווירישע שטיבער.
און אָט פּלאצט דאָ אופּעט א קלאָרקײַט א גרינע...
ס׳ווערט קלערער בא זיך אין נעשאָמע...
די זון טוט א לײַכט. עס באווײַזט זיך דאָס וואסער
און ווערבעס פארוויינטע און לאָמע,
דער וואלד האָט זיך בלוי אויסגעוואשן, איז נאס
און דער קאָפּ זײַנער פלאקערט,
און ס׳גיסט זיך א העלקײַט ווײַט־ווײַט אף א לאָנקע...
א פּויערל שטייט דאָרט און אקערט...
א ראכוועס, א פרישקײַט פון גראָזיקע לאָנקעס,
וואָס שמעקן און פינקלען און וויינען,
און ס׳שווימען נאָך אומעט די שטיקער פון נעפּלען —
כאלוימעס פון פעלדער און פליינען...
און ס׳שווימען די פּליטן געלאסן, געלאסן,
פארקערעווען רונד מיט די ברעגן,
די שטרויענע בײַדעלעך שטראלן און פארען ארויסעט דעם טוי און דעם רעגן.

דערבײַ ליגט דער זיידע. ער רויכערט די ליולקע
אונ זשמורעט פון טײַנעג די אויגן:
די װאַרעמע ערד האָט זיך גלאַנציק און פעט אזוי שטאַרק אויסגעצויגן,
צעקעסטלט אין פעלדער, געמויזעכצן, געלבע און העלע און גרינע —
עס גיסט זיך דער דורכזיכטיק־ציט׳ריקער פלאַקס
אף בורשטיניקע שטענגעלעך דינע,
די גרינקײַט אף פעלדער־קאַרטאָפל ליגט אָפּגעקילט, מאַט, אויסגעזאָטן...
און ס׳שמייכלט די קורצע די ראָזעווע הרעטשקע
מיט שפּרענקעלעך װײַסע באַשאָטן —
עס רינען די זאַפטן פון דר׳ערד, אַז אַ שיקרעס נעמט דורך אַלע גלידער,
עס שפּאַרט זיך אַ לעבן אַ שטומער דורך גרעזער,
דורך װאָרצלען און צווײַגן,
אָ, ס׳האַלט מער ניט אויסעט דער זיידע, ער טוט זיך אַ נעם,
אָ, ער קאָן מער ניט שווײַגן,
דערלאַנגט ער אַ רעווע: טראַסציאַ אין דײַן טאַטן!
און נאָכאַמאָל ווידער:
טראַסציאַ אין דײַן מאַמען! אַז ס׳כאַפּן זיך אופעט די זין אף די פּליטן,
מע זעט, אַז עס פּלייצן אַראָפּ פון די פעלדער די פאַרבן,
די הייסע, ווי שטראָמען,
עס שפּרודלט פון פרילינג אַרײַן אין דער וועלט,
און אליין איז מען אויך דאָ אינמיטן.
עס טוט זיך דאָ וואָס אף די פעלדער,
וואָס האָט ניט קיין נאָמען!

אזוי האָט דער זיידע די פּליטן געטריבן קיין פּרײַסן,
איז ער פאַרנאַכטלעך אַרײַן מיט דער בלויער ווילִיע אין ניעמאַן אין װײַסן,
האָט מען די שריגעס פאַרגראָבן אין זאַמד און די שווערע שוואַרצועס
פאַרבונדן,
און פײַערן האָבן די פּעטערס אף יעטווידער פּליט אָנגעצונדן.
שווײַגעוודיק־מיד, זאַלבעצווייט באַ אַ פײַער, אזוי איז מען גרויע געזעסן,
געבראָכן דאָס ראָזעווע ברויט און דעם באָרשטש פונעם טעפּל געגעסן.
ס׳איז שטיל אף דער געגנט געוועזן, עס האָבן נאָר בלויע די וועלן
געזונגען,

עס האָט נאָר דאָס פֿײַער זיך הילכיק צעבלעטלט, צעלייגט
ווי א רויטינקער בלימל,
און ס'איז נאָר א פיש ווען־ניט־ווען פונעם וואסער דעם קילן געשפּרונגען.
בלוי איז געווען, און א רויטע לעוואָנע, א שווערע ארויס איז פון הימל.

ה. די ווילִיע און דער ניעמאַן

בייס די לעוואָנע צעשפּריצט זיך אין לאַנד, ווי אַ זילבערנער רעגן,
דאַן הייבט זיך אַ שטײַפע געשטאַלט פון אַ ליטווין אַרויס פון דעם ניעמאַן
און ס׳שווימט, ניט געהערט, פון ווילִיע אַ טונקעלע פרוי אים אַנטקעגן.
צעוואָרפן די לאָקן, די נאַסע, מיט לאַנגע און גרינלעכע ברעמען,
באַווײַזט זיך איר גליטשיקער קערפּער אַרויס פון די כוואַליעס...
עס בייגט זיך אַריבער דער ניעמאַן און נעמט זי אַרומעט,
און טוט איר אַ קוש אין די אויגן די גרינע, וואָס לײַכטן פון אומעט,
און נעמט זי אַראָפּ אפן גרונט אין די בלויע, קרישטאָלענע סאַליעס...

ו. דער פעטער אווראָם פּאַשעט די פערד

באַנאַכט איז דער פעטער אווראָם געווען אַף דער וואַכטע.
דאָס פּעלצעלע האָט ער געהאַט און די טאָרבע צום עסן,
באַם פּײַערל גרוי, ווי אַ קאָרטש, איז אווראָם געזעסן,
און ס׳האָבן געסטאַרטשעט פון אים נאָר די ביינער די האַרטע.
אַזוי האָט דער פעטער אווראָם די פערד אַף דער לאָנקע געפּיטערט.
געפּענטעטע האָבן זיי שווער אַפן גראָז צוגעשפּרונגען,
די שײַן פון לעוואָנע האָט ווייך אַף די שקאַפּעס געציטערט,
און ווײַט אין פאַרנעפּלטן פעלד האָט דער ניעמאַן געקלונגען.
דאָס טרוקענע פּײַערל האָט זיך אָן קויכעס געלאָשן.
אַזוי ווי אין שלאָף איז אווראָם באַנומען געזעסן,
אַ בוים אין אַ בוים האָט אין טונקעלער ליכט זיך געגאָסן,
און ס׳האָט זיך געהערט, ווי דאָס גראָז ווערט געצופּט און געפרעסן...
און ס׳האָט זיך געהערט: אַפן הימל עס רירן זיך שטערן,
אַ רויכעלע טוליעט זיי אײַן, ווי אַ וואַרעמער ניגן:
אַ ציט׳ריקע נעץ האָט פאַרנומען דעם הימל דעם לערן
און ס׳שווימען דאָרט פישעלעך, פינקלען און וויגן זיך, וויגן...
עס האָט זיך אווראָם, דאָס פּאָנעם אַרוף, אויסגעצויגן:
די קאַלטע לעוואָנע גייט אום אין אַ ראָד אין אַ געלער
און זיבעצן שטערנדלעך זײַנען געקומען צו פליגן.
עס ציטערט איין שטערן אַ גרינער פון אַלעמען העלער...
נאָר פּלוצלינג דאָס שטערנדל האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל,
אַ פלי דאַן געטאָן אינעם בלויען געוועב פון די שטראַלן,
אַזוי ווי אַ פונק פליט אַרויס פון אַ בלויען שוואַרצאַפּל...
אין מאָכיקן וואַלד איז דער שטערן אַרונטערגעפאַלן.
אווראָם האָט עפּעס אַ כאָלעם אַ ווײַטן פאַרשטאַנען —

דער פינקלענדער בלוי האָט די געגנט די גאַנצע באַשאָטן,
און דאַן מיט א זיפץ איז דער פעטער פון דר'ערד אופגעשטאַנען
און שטיל צו די ווארעמע קליאַטשעס אוועק אינעם שאָטן...
ער האָט זיך אזוי בא די פערד אין דער פינצטער געפּאָרעט,
א האַלדז אף א האַלדז האָבן אַלע געעטעמט פארשלאָפן,
דאָס ליכט פון דער זײַט האָט אף איינעם א פערד אָנגעטראָפן,
און ס'האָט זיך פון אים נאָר די פּלייצע געזען אויסגעמאָרעט...
דאָס בינטל פון שקאַפּעס איז טונקל צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן.
פאַרמאַטערט אין שטרויענעם בײַדל אַרײַן איז דער פעטער,
א טאָפּאָל האָט מאַט אין דער פינצטער געשײַנט מיט די בלעטער,
און ווײַט איז פאַרגליווערט אין שטראַלן געלעגן דער קאָרן.
שטיל איז אווראָם אף דר'ערד אין דעם בײַדל געלעגן,
געכאָלעמט פון דערפל, געשמייכלט צו זיך און געשוויגן.
אַרויס איז פאַמעלעך אין בענקשאַפט זײַן האַרץ פון די ברעגן,
און ס'האָט זיך דער פעטער גאָר פלוצלינג צעטרערלט אין א ניגון:
ביסט די שענסטע אין דעם דאָרף, נאַסטאַסיע,
זע,
ס'קוועלט דער גערשטן און געבערדלט איז דער האָבער,
די געמויזעכצן אין נעפּל פינקלען פונעם טוי...
הער זיך אײַן!
הער זיך אײַן!
אין די וועלדער די יאַדלאָווע גייט איצט אום פאַרכאָלעמט
אין לעוואַנע־שײַן
דער מאָך־באַוואַקסענער, דער באָרוועסער באַלדאָווער...
קום אַרויס אין ברייטן פעלד, ווען אַלע פויגלען שלאָפן
און נאָר די קוואַלן זינגען אויף,
דײַן טאַטע ליגט פאַרמאַטערט פון דער אַרבעט אפן שײַער,
ס'וועט וויסן נאָר פון דעם די אַלטע ריאַבינע אין הויף,
און נאָר דאָס ווינטעלע, וואָס נעכטיקט אין די אײַער,
ביסט די שענסטע אין דעם דאָרף, נאַסטאַסיע!

אווראָם האָט אויסגעווישט שטיל מיט דעם אַרבל די טרערן,
האָט צוגעהערט טיף, ווי עס שווײַגט די פאַרכאָלעמטע געגנט:
עס האָט זיך א האַרץ מיט א האַרץ אין דער פינצטער געזעגנט...

ז. די באָבעשי אַלעהאַ־האשאַלעם איז אויסגעגאנגען

אז די באָבעשי די אלטיטשקע איז אויסגעגאנגען,
האָבן פייגעלעך געזונגען,
ווײַל מיט איר צדאָקע, מיט איר הארץ דעם גוטן
האָט די וועלט געקלונגען.

און אז מע האָט די באָבעשי אראָפּגעהויבן,
האָט איעדערער געשוויגן,
און אָן א קרעכץ האָט מען די גוטע אלטיטשקע
אף דר׳ערד געלאָזן ליגן.

עס איז דער זיידעניו אין שטוב ארומגעגאנגען —
א טויטער שארבן,
ווײַל ער, דער אלטיטשקער, ער האָט איר צוגעזאָגט,
אז ער וועט פריִער שטארבן.

און אז מע האָט דעם בארמינען אראָפּגעפירט אין שטעטל,
האָט דאָס דאָרף געטרויערט:
„ניעמא, ניעמא יוש סטאראָי שליאָמיכע״,
און אויך דער פּאָפּ וואסילי האָט באדויערט...

נאָר אז דער שאמעס האָט דאָס מעסערל ארויסגעצויגן
צו רײַסן קריִע,
דאן האָבן זיך צעשריִען נעבעך מײַנע פעטערס,
ווי די ראָצכים פאר דער טליִע.

ח. נאסטאסיע

נאסטאסיע האָט שטשאוויע געקליבן באם זײַט פון די סטעזשקעס,
א מאָלצײַט צו מאכן אנטאָשען — איר טאטן דעם אלטן.
ס׳איז רײַסן געבענטשט מיט א האָריקן שטשאוויע א קאלטן,
מיט יאָדלעס, ווי פּעלצן, און ראָבן, ווי די האָלאָוועשקעס...
דעם פארטעך אין האנט גייט נאסטאסיע אין פעלד אײַנגעבויגן,
אזוי ווי א קאטשקעלע, ווייסט ניט פון שלעכטס און פון זאָרגן,
די פּיסלעך באנעצטע פון טוי און בארוישט פון פרימאָרגן,
זי האָט פון דעם אָטעם פון דר׳ערד פאר איר כּיעס געזויגן.
דאן קומט איר פון וועלדל א מענטש מיט א כאָמעט אנטקעגן.
זי האָט אים באקוקט פון דער ווײַט מיט דער האנט בא די אויגן.
ער קומט אזוי פריש, פּונקט ער וואָלט אין די וועלדער געלעגן.
פארשעמט האָט נאסטאסיע זיך ווידער צום שטשאוויע פארבויגן.
דאָס קערט זיך אוורא͏ָם אהיים פון דער וואכטע באגינען.
„גוט־מאָרגן, נאסטאסיע, דיר, קעלבעלע שטילע, גוט־מאָרגן!‟
זי האָט זיך פאר בושע אהינטער די קוסטעס פארבאָרגן,
עס וועט זי דער פעטער דער שווערער ניט קאָנען געפינען.
דאן האָט זיך אוורא͏ָם א לאָז אין די קוסטעס געגעבן,
געהערט האָט זיך ווײַט זײַן געלעכטער פון צווישן די בלעטער:
„דו קעלבעלע מײַנע, ווו ביסטו, מײַן קרוין און מײַן לעבן!‟
נאסטאסיע האָט הינטער די צווײַגן געקוואָלן פון פעטער...
„ער איז אזוי פריש, פּונקט ער וואָלט אין די וועלדער געלעגן!‟
א ברוינער, צעהיצט מיט צעשויבערטע אויגן און לאָקן,
ער האָט זי געפונען אין גראָז האלב דערפרייט, האלב דערשראָקן.
א הינדעלע שרעקט זיך אזוי אין א זוניקן רעגן...

האַט ער זי געטאָן דאַן א כאַפּ אין די אָרעמס די ברייטע,
דערלאַנגט איר א קוש אין דעם ציט׳ריקן האַלדז דעם פאַרברענטן.
זי האַט זיך געגעבן א צאַפּל צו אים א דערפרייטע
און שטיל צו זײַן ברוסט זיך געטוליעט אַלץ נע׳נטער און נע׳נטער...

ט. דער פעטער איצע

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שנײַדערײַ,
מאכט ער אלטע סערמיענגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־נײַ.
מאכט ער אלטע סערמיענגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־נײַ.

קומט ער אין א דערפל אָן
מיט דער נאָדל־פאָדעם,
הענגט ער אויס א ווײַוועסקע:
„דאָ פאריכט מען בגאָדים",
הענגט ער אויס א ווײַוועסקע:
„דאָ פאריכט מען בגאָדים".

זיצט דער פעטער אפן טיש
טערקיש, טאמעוואטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט
א לאטע אף א לאטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט
א לאטע אף א לאטע.

אויסגעלאטעוועט איין דאָרף,
גייט ער אין א צווייטן,
ביז ער לאָזט ארויס פון האנט

דעם געגנט א באנייטן...
ביז ער לאָזט ארויס פון האנט
דעם געגנט א באנייטן...

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שנײַדערײַ,
מאכט ער אלטע סערמיעגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־נײַ,
מאכט ער אלטע סערמיעגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־נײַ...

י.ווינטער באנאכט אין דער אלטיטשקער כאטע

איז מען געלעגן באנאכט אין דער אלטיטשקער כאטע,
געדרויכערט די ליולקעס די גרויסע, געברומט און געסאָפּעט.
פאַרמאַטערטע האָבן די פעטערס געקוקט טאמעוואטע,
אין שוויס איז א פעטער געזעסן באם טיש און געכראָפּעט.
אין שטיבל האָט קוים א לוטשינע א שטילע געברענט.
דערבײַ האָט דער פעטער ראכמיעל די הויזן פארשטשאָבעט,
א שניי האָט געכליאָפּעט אין פענצטער, א ווינט האָט געקלאפּט אין די ווענט,
די זאסלינקע האָט זיך אין אויוון אָן ווענטל געשקראָבעט...
עס האָט זיך דער זיידע געדרייט אַף דעם אויוון דעם הייסן,
אָן קויכעס, דאָס העמד אופגעעפנט אין אנגסטן באשלאָגן,
דער ווינט אפן פעלד האָט די כוואליעס אין ניעמאן געשטויסן,
די אלטע בעהיימע אין שטאל האָט ניט אופגעהערט קלאָגן.
עס זײַנען די פעטערס געלעגן צו צוויי אין די בעטן,
טעמפּ מיט די צורעס צום באלקן געקוקט און געשוויגן.
דער זיידעניו האָט זיך געקערט, אָ, דער זיידעניו האָט זיך געבעטן:
„אווּרעמציק, מײַן קינד, טו א זונג אונדז א טרויעריקן ניגן“.
פון הייסן געלעגער אראָפּ איז אווראָם דער פעטער,
אין כוישעכניש איז ער געווען, ווי א יאָדלע א גרויע —
האָט ער געגעבן א זונג, ווי א ווינט אין אָסיענדיקע בלעטער,
האָט ער געגעבן אין טונקעלער כאטע א וואָיע,
אזוי ווי עס וואָיעט א וואָלף באדערנאכט אַף די וועגן,
אזוי ווי עס וואָיעט א וואָלף אַף פארשנייטע, באלויכטענע פליינען.
פארטײַעטע זײַנען די פעטערס, ווי קלעצער געלעגן,

ס'האָט פּלוצעם דער זיידעניו שטיל אָנגעהויבן צו וויינען,
ער האָט זיך געדרייט אפן אויוון, געקלאַפּט אין די ציגל.
„אָ, גאָטעניו, העלף, עס איז פינצטער און ביטער...״
דעם פעטער אוראָם איז דורך אין די ביינער א ציטער,
עס האָט זיך דער ניגן געגעבן א גאָס, ווי א שפּיגל,
געגעבן א קלונג, ווי א וואסער אין נעפּלען אין בלויע.
אין כוישעכניש איז ער געוועזן, ווי א דעמב א געזונטער.
האָט ער א טרייסל געטאָן די טשופּרינע ארוף און ארונטער
(דאָס האָט ער דערזען אינעם כאָלעם נאסטאסיען).
ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויס און געגעבן א ריטשע,
אזוי ווי אן אָגער, וואָס בענקט נאָך א קליאטשע א הייסע,
א שפּרונג און א הייב זיך געטאָן מיט די הענט אין די באָקעס,
אז ס'האָבן פון פרייד זיך צעפינטלט בא יעדן די אויגן,
און ס'זײַנען די שלעכטע געדאנקען אזוי ווי סאָראָקעס
ווי גרויע פון טונקעלער כאטע צעפלויגן...
איז ער ארויס אין א טענצל, א זונג און א זעץ מיט די שטיוול,
א ברען אין דער לופט, ווי א פלאַם, מיט די הייסע שווארצאפּלען,
אז ס'האָט זיך דער זיידע דערפילט, ווי ער פליט מיט דעם שטיבל,
ער קריכט ערגעץ הויך, ערגעץ הויך אף צעבראָכענע שטאפּלען...

צעטומלט פון ניגן, געליימט איז דער פעטער געבליבן,
אין סקאוואראָד האָט שוין געטליעט די לעצטע לוטשינע,
דער זיידעניו האָט זיך צעשמייכלט, די הענט זיך געריבן:
„אורעמעלע, ווו'סטע געגומען אזא קאָל־נעגינע?״...

דער בלוי פון פארטאָג איז ארײַן אין דער ווארעמער כאטע,
פארוויקלט אין שטרוי האָבןביימער אין גאָרטן געפראָרן.
דער ווינט האָט אין פירהויז געצופּט פון א פּעלצל די וואטע,
די אלטע בעהיימע אין שטאל איז אנשוויגן געוואָרן.

יא. אנטאָשע שפּילט אױף דער באַנדורע

הײ, הײ,
הײ, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אױף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אזוי,
הײ, הײ.

ס׳איז געװען דער קרעװער דוקעס
װײַס װי שנײ,
װײַס װי שנײ,
האָט ער קינדערלעך אין פּאַלאַץ —
טעכטער צװײ,
טעכטער צװײ,
נאָר באַם דוקעס באַ די פערד
האָט געדינט דמיטרוק סקאַרוליא
מיטן נאָמען שאַלאַפּײַ...

הײ, הײ,
הײ, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אױף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,

אָט אזוי,
היי, היי.

ס׳איז געקומען וועסנע־צײַט,
ברענגט דער בוים די נײַע צווײַגלעך,
ברענגט די שוואלב דאָס שוועלבעלע,
ברענגט די צויג אהיים די צײַגעלעך
און די קו דאָס קעלבעלע...
ס׳איז געקומען וועסנע־צײַט,
פאר די טעכטערלעך די צווײ,
ברענגען זײ אהיים צום דוקעס,
אינעם פארטעך
צו בײַסטרוקעס...
ווײ, ווײ, ווײ....

היי, היי,
היי, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אף דער באנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אזוי,
היי, היי.

כאפט דער דוקעס זיך צום שווערד,
הייסט דער דוקעס שפאנען פערד,
און פון קרעווע ביז מאזשיר
און פון זשעטל ביז דאמיר
יאָגן רײַטער און קארעטן,
לויפן לאפער און שטאפעטן...
ס׳איז אין ערגעץ ניט געווען,
ניט צו זען
דעם רויצייעך שאלאפײַ...

היי, היי,
היי, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אַט אזוי,
היי, היי...

אין די וועלדער פון קריוויטש
ווינט דער גאזלען שאלאפּײַ,
און דער אלטער קרעווער דוקעס,
ווײַס ווי שניי,
ווײַס ווי שניי,
פאָרט אליין איבער די פליינען
אין דעם ריטערלעכן פראכט,
און ער קלינגט מיט די קלייזײַען
אין דער נאכט,
אין דער נאכט...

היי, היי,
היי, אנטאָשע, טו א זונג,
טו א קלונג
אף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אַט אזוי,
היי, היי...

יב. דער זיידעניו קומט שטארבן

גרוי ווי א טויב איז פארנאכטלעך דער זיידע געקומען פון פעלד,
צורעכט געמאכט שטיל דאָס געלעגער און אָפּגעזאָגט ווידע,
אין הארצן צעזעגנט זיך רויִקערהייט מיט דער וועלט
און דאן צוגעשלאָסן, אָן קויכעס, די אויגן די מידע...
און ס'זײַנען די פעטערס געקומען צוקאָפּנס פון זיידן,
אראָפּגעלאָזט טיף די באוואקסענע קעפּ און געשוויגן.
ס'האָט עפּעס פארשטשעמעט די הערצער און ניט געלאָזט ריידן,
פארשטשעמעטע הערצער — א זיפץ ניט געקאָנט ארויסקריגן.
פּאמעלעך האָט דעמאָלט דער זיידע געעפנט די אויגן,
ס'איז ווארעם א שמייכעלע איבערגעגאנגען זײַן פּאָנעם,
ער האָט זיך געזעצט אפן בעט, קוים זיך איבערגעבויגן,
און אָט וואָס דער זיידע האָט דעמאָלט גערעדט צו די באָנים:
— דו, אָרטשע, מײַן בכאָר, ביסט געוועזן דער יעסאָד פון מישפּאָכע!
דער ערשטער אין פעלד און דער לעצטער געזעצט זיך צום טיש...
די ערד האָט זיך ווארעם צעעפנט פון אונטער דײַן סאָכע,
אזוי ווי די ערד זאָל דײַן זאָמען זײַן פרוכטבאר און פריש...
ראכמיִעל, ווער קאָן זיך מיט דיר אף דער לאָנקע פארמעסטן!
געוועזן איז דײַן קאָסע אין גראָז, ווי א פלייצל פון פײַער,
דיך קענען די שלענג אין די זומפּן, די פויגלען אין זייערע נעסטן,
די בראָכע זאָל רוען בא דיר אין דער שטאל און אין שײַער!
דו, שמוליע, דער טײַך־מענטש, ניטאָ אף דער וועלט אזא גלײַכן!
באשטענדיק דעם בוטש אף די פלייצעס, באשטענדיק א נאסער,
געשמעקט האָט מיט שופּן פון דיר, מיט דעם רייעך פון שליים אין די טײַכן,
געבענטשט זאָלסטו זײַן אפן לאנד, און געבענטשט — אפן וואסער!..

ס׳איז נאכט צוגעפאלן. די רויטינקע שײַבלעך פון כאטע
אין טונקלעניש האָבן געוואָרפן א שײַן אף דעם זיידן...
עס האָבן געשטומט מײַנע פעטערס, געשטומט האָט דער טאטע
און ניט געלאָזט פאלן א וואָרט פון זײַן בענטשן און ריידן.
דאן האָט זיך דער זיידע צעזעגנט... די גלידער צוזאמענגענומען.
און שטיל און אף אייביק די אויגן די שטארע פארשלאָסן.
געקוקט האָט דער אוילעם, געקוקט אף דעם קערפער דעם שטומען
און גאָרניט געזען און קיין איינציקע טרער ניט פארגאָסן...
א פויגל האָט ערגעץ אין וואלד אויסגעקלאָגט פאר דער נאכט זײַנע ליידן,
די לעצטע לוטשינע אין כאטע האָט קוים נאָך געגליט אין די פונקען,
און ס׳זײַנען די פעטערס געשטאנען צוקאָפּנס פון זיידן,
די שווערע, באוואקסענע קעפּ אין די אקסלען פארזונקען...

בוניע און בערע אפן שליאך

1. אפן שליאך

אָ, בוניע ביק און בערע דער פּאלעָנט,
די גראָבע ייִדן קוטשעראַווע!
מיט פּיסטוילן אין די הענט
און מיט די מעסערס אין כאָליאווע,
גייען איַינעמען די וועלט —
יונגעו בראווע!

זאָגט בוניע ביק, דער לאנגער לייטענאנט:
אָ, שרעק זיך, טעלז, און ציטער, דרויע!
עס ווערט געגאנגען און געשפּאנט
אף זאך און טאט און גאזלעוואָיע,
געגרייט צום שליאך זיַינען ארויס
צוויי ייִדן גרויע.

און אפן טראקט, אין כאשכעס און אין גוס,
געפּאָרפּלט האָבן וויאזן קודלעוואטע,
געגאנגען זיַינען פוס אין פוס
די ביידע יונגען טאמעוואטע,
ווי סיוועי הינט געגישטערט אין דער נאכט
די וועלט די בלאטע.

2. א קרעטשמע

עס רויכערט זיך אין ראָזע נעפּלען דער באַגין,
די וועלדער קאַלטע נעמען שאַרען.
אַן אַלטע קרעטשמע שלאָפט אין טוי און גרין,
עס העלט. די רויע צווייַגן פאַרען,
ווי פרישער שניי די העלע בליונג לייַכט
פון עפּל און פון באַרן.

עס האָרכט די פּולע, פרילינגדיקע ערד
דעם שאָרך פון לעצטע נאַכט־שאָטנס לילאָווע;
די ביימער וואַרפן אָפּ די שלייערן און בערד,
און קלאָר ווערט ביז די ווייַטן, די יאָדלאָווע,
ווו ס׳זיצט די נאַכט און אָף איר לאַנגן פינגער
זיצט די סאָווע.

דאָ לויפט פאַרבייַ דער שוואַרצער, ווילנער שליאַך,
א רויקער אָף אַלע זייַנע מייַלן;
ער שלאָפט אין טונקלעניש פון וועלדער סכאַך
און אָף דער פרייַ — אין גרינע ביימער־צייַלן.
ס׳איז שטיל. עס שפּאַנען בלויז צוויי יונגען מיטן וועג
און איילן זיך און איילן.

די בידנע קרעטשמע שלאָפט אין אַלטן הויף,
און ס׳האָרכט דאָס גאַנעקל — איר אָפן אויער:

„עך, בורזשוי, דו, עפן אויף״ —
און פויסטן גראָבע זעצן אינעם טויער:
„שטיי אויף, בורזשוי, די וועלט גייט אויס
אין קאַלעמוטנעם טרויער״...

פּאַמעלעך עפנט זיך די בלאָטיק־ברייטע טיר,
און ס׳קריכט ארויס א ייִד א יענטעוואַטער;
דער קאָפּ אין פעדערן, א נאָז ווי א געשוויר,
ער קוויטשעט, שרײַט א ִמידער און א מאַטער:
„ווער קלאַפּט עס, ווער? וואָס מאַכט איר מיר
באַגינען א טרִיאַטער?!״

עס טוט א שאָס... א בליץ... א פײַער און א רויך...
דאָס ביסל אָטעם האָט אים אָפּגענומען,
ער טאַפּט די באָרד, דאָס פּאָנעם און דעם בויך —
א לויב צו גאָט; מיט גאָרנישט אָפּגעקומען;
די יונגעץ שטייען שטיל און דרייען זיך דעם וואָנץ
און שטומען.

נאָר ס׳זײַנען פלוצעם דאָ אַרײַן אין שלאַכט
דעם קרעטשמערס באָנים, ווי די בערן;
ערגעץ האָט א האַנט א שוואַרצע פון דער נאַכט
פון הימל אָפּגעקראַצט די לעצטע שטערן;
עס האָט געשאַלט: די וועלט די פוילע
נעמט זיך איבערקערן.

אין קרעטשמע האָבן זיך געבראָכן טעפּ,
מע האָט געזעצט מיט פויסטן, ווי מיט שטיינער,
זײַטן האָבן זיך געעפנט פון די קלעפּ,
און קאַפּאָטעס זײַנען געפלויגן מיט די ביינער,
געלויבט דאַרף זײַן די דיקע קרעטשמערקע
און ווײַטער קיינער!

זי האָט געצופּט די קאָלטנס פון די בערד,
זי האָט געפּאַטשט, זי האָט געדראַפּעט;
מאַנצבלען האָבן זיך געקײַקלט אױף דער ערד,
און פון די שױפערדיקע נעזער האָט געקאַפּעט,
געסטאַרטשעט האָבן קערק, קני און אױגן קעלבערנע
פאַרגאַפּעט...

דאַן האָט דער אַלטער קרעטשמער אָפּגעקרײט:
„גענוג, גענוג, זאָל װערן שאָלעם!"
מע האָט זיך אױפגעהױבן שטילערהײט
און טעמפּ אַרומגעקוקט זיך, װי אין אַ כאָלעם.
אָ, בערע, בערע איז אױכעט אױפגעשטאַנען,
כאַטש נעם און מאָל אים!

די לאַנגע הענט אַראָפּגעלאָזט צום דיל,
און אױסגעמאַטערטער, קוים מיטן לעבן,
ער האָט געשמײכלט און געפּלאַנכעט אינדערשטיל
פון קלעפּ געגעבענע און ניט דערגעבן,
דער פױסט האָט ניט געדינט. ער האָט געקלאַפּט
פאַרבײַ אָדער דערנעבן.

דערװײַל האָט מען דעם שװערן טיש געגרײט,
דערלאַנגט דעם פעטן באָרשטש, דעם הײסן,
דערלאַנגט די גרױסע לאַבנס ברױט,
און ניט געװאַרט, ביז מע װעט הײסן,
האָט מען פאַמעלעכדיק און פעסט געריבן
ביז די לעצטע שװײסן.

דער קרעטשמער פרעגט: „איר, געסט, װאָס איז דער מער?
װי קומט די ביטערניש צו אײַך, פונװאַנען?
װאָס װילן אָרכים? און װער איז מען, װער?
און װוּ אַהין מע קלײַבט זיך װײַטער שפּאַנען?
ס'איז דאָ אַ װעלט, און ייִדן זײַנען אומעטום פאַראַנען".

דאָן ענטפערט בוני ביק: „אָ, ליבע פרײַנט,
מיר ווילן בלויז די וועלט אויסלייזן.
איר זעט, דער מאזל פון בורזשויִען שײַנט,
נאָר ס׳טרעפט, אז ס׳גייען לײַט אָן הויזן,
מע מוז דעם יאָך אראָפּוואַרפן, די קייטן
און די אנדערע שאלאמייזן!״

3. אונטער דער יאָדלע

די ברייטע נעכט, וואָס זינגען אָן א קאָל,
ווי בלויער אײַז ארײַנגעפאסט אין געגנט,
ווען ביימער גרויען דורכזיכטיק און שמאָל,
מיט ווייכן זילבערלעכן ליכט פארעגנט...
עס שטייט א יאָדלע אפן בארג, וואָס האָט
מיט אלץ זיך שוין געזעגנט.

צוויי שאָטנס לאנגע זיצן אונטער איר,
און בלויז די טיפע, בייזע אויגן גלי:ען;
פארגליווערטע און שטום, אָן מינדסטן ריר,
מע זיצט און מע באוועגט נאָר מיט די ווי:ען,
און שטײַף, ווי מייסים, איז מען, וואָס מע האָט זיי
אָפגעשרי:ען.

א דאָרף א שטרויענס קריכט אונטן אינעם טאָל
מיט דרעמלענדיקער כאטע איבער כאטע,
אין דער לעוואָנע־נאכט פון קילן, בלויען שטאָל
צעלייגט אף אָפרו, ווי בעהיימעס זאטע;
עס שלאָפט דאָס דערפל שטיל מיט די לעוואָנעדיקע
שויבן מאטע.

און בוניע ביק שטרעקט אויס א ווילדע האנט,
ער שעפטשעט האלבע ווערטער, קוים צו הערן:
„דו זעסט דאָס דאָרף און אָט דאָס גאנצע לאנד?! —
דאָס פעלד ארום וועט מאָרגן אונדז געהערן.

דו, בערע, ווען ווערט טאָג? דו, כאווער, ווען גייט אוף
דער מאָרגנשטערן?״

נאָר מיט דעם קאָפּ פארגראָבן אין די קני
זיצט בערע קורץ און פינצטער, ווי א דאָרן;
ער טראכט פארטיפט, אז ס׳לוינט זיך ניט די מי
צו ווערן לעכאטכילע דאָ געבאָרן.
דו עסט, דו טרינקסט און גאָרנישט, מע איז קיינמאָל
נאָך ניט זאט געוואָרן.

און בוניע זאָגט: „הער צו, דו נאר, הער צו
דעם סאָף פון מענטשנס שווערע ליידן;
ס׳וועט שלאָפן גראם א לעמפּערט מיט א קו
און ס׳וועט א קינד זיך שפּילן מיט זיי ביידן,
פריד וועט זײַן, און זשאווערן וועלן די מעסערס
אין די שיידן״.

אזוי האָט ער געכאָלעמט פון דער וועלט,
גערעדט צום כאווער וואלד, צו די כאווײרים שטערן,
און צוגעפאלן איז ער צו דעם פעלד,
געקושט עס און געגאָסן טײַכן טרערן:
אָ, באָבעשי, פארלאָז אונדז ניט אליין
אין שטרײַט אין שווערן!

ער האָט געוויינט, פון הימל אומגעריכט
א ווײַסער פידל איז ארויסגעשווומען,
ס׳האָט אויסגעשפּילט ארום, פון שטיקער ליכט,
א ווילדע ליד, א קאלטע און א שטומע.
און בוניע ביק האָט עס געהערט, און כאווער ביק
האָט עס פארנומען.

דאָס ליד האָט אײַנגעזאפּט זיך אין זײַן הויט,
ער האָט געהאָרכט, געשטוינט און האלב געשלאָפן,
ערשט אופגעכאפּט זיך מיט דעם מאָרגן־רויט,

האָט ער דערזען — אַן אומגליק האָט געטראָפן:
ס'איז בערע ניט געווען. אינמיטן נאַכט איז ער,
דער אומטרײַער, אַנטלאָפן.

האָט בוניע דאַן געזיפצט: „אויך, בערע, דו?!
אויך דו האָסט אונדזער זאַך פאַראַטן?
און פונעם שטרײַט איז ליבער דיר — די רו?"
ער האָט געשריִען מיט אַ קאָל אַ מאַטן:
„אָ, ווי צו אײַך, אַף אַלע ווייכע פּערענעס,
אין אײַער טאַטנס טאַטן!"

אַראָפּ איז ער אַן עלנטער פון באַרג,
ווי ס'וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון בוים דער שאָטן.
פאַרוואָרפן ס'פּעקל אַפן ברייטן קאַרק,
האָט ער געפאָרשקעט מיט די וואָנצן־דראָטן,
געגאַנגען שטום, און ס'האָט אין אים
דער קאַס געזאָטן.

4. בא א טײַך

א טײַך. ס׳איז דורכגעשטערנט דאָ די רו.
און בוניע רעדט אראָפּ וואָס פון נעשאָמע:
„כ׳בין וואסער, וואסער טרויעריק, ווי דו!
מאלאָכים באָדן זיך אין דיר מיסטאָמע,
ווו ס׳שלאָפט דײַן שטילקײַט אינעם טוי
דאָרט אונטער ווערבעס לאָמע...

דו קומסט — פון וועלכער גראָזנדיקער ווײַט?
און גייסט — צו וועלכע נעפלדיקע סאָפן?
אָ, וואסער, ביסט די פרומע איידלקײַט,
וואָס אויך ניגונים מאכט מען פון די שטאָפן...״
פליו־פליו־פליו און פליו־פליו־פּליו...
דערנאָך איז ער געגאנגען שלאָפן.

5. אין דאָרף

אין דאָרף האָט מען געקלאַפּט, געלאַכט, געבויט,
געשעפּט פון ברונעמער, באַגאָסן בייטן,
עס האָט געשמעקט מיט בלינעס און מיט קרויט,
מיט פרילינגדיקע מוידן בא די פלויטן,
און ס׳האָט איעדע כאַטע זיך געטונקט
אין גרינס און קווייטן.

ס׳איז בוניע דורך פּאַמעלעך, ווי א האַלץ,
נאָר בא די פלויטן שטיקט זיך א געלעכטער.
ער האָט ארומגעקוקט זיך בייז און שטאָלץ
(אָ, בוניע ביק, דער נאָווי, דער גערעכטער!).
ער שטייט און ער באטראַכט די קליינע זינד
פון נישטיקע געשלעכטער.

אוועק איז ער אין איינזאַמקייט אליין.
אפאָנעם, ס׳איז נאָך שלעכטס גענוג פאראנען.
עס האָט אים נאָכגעיאָגט פון ערגעץ־ווו א שטיין —
(ווייַ, ווייַ, מען מוז ארויס פונדאַנען!)
האָט ער אוועקגעשפּאַנט מיט זיַינע לאַנגע פיס,
ווי בוניע ביק קאָן שפּאַנען!

באַם עק פון דאָרף האָט ער זיך אָפּגערוט,
אראָפּגעווישט דעם שווייס פון דער טשופּרינע,

געקרעכצעט שטיל, געקילט אין זיך דאָס בלוט,
נאָר פלוצעם... שאַ!.. מע זינגט... א קאָל־נעגינע...
א מיידל זינגט, און עמעץ ברענצלט
אף א מאנדאָלינע.

עס באקט די זון, דער גאנצער הימל גליט.
עס קלינגט דער זאמד און צווײַגן הילכן גרינע,
איעדער רויער פלאָקן שפּראָצט און בליט —
דער וויאז, די אספּע, די ריאבינע...
א מיידל זינגט, און עמעץ ברענצלט
אף א מאנדאָלינע.

און בוניע זעט: א כאטע פריש און נײַ,
עס לויכטן אזש די קלעצער די סאָסנאָווע,
דאָ וווינט א באלעגוף! נאָר סײַוויסײַ,
מע דארף ארײַנגיין בעטן א נעדאָווע.
פּאוואָליע עפנט ער די טיר און ער דערהערט,
א מאנצבל רעדט באסאָווע:

„זײַ וויסן, נאסטיע, איך בין קארל מארקס,
וואָס גייט ארויס זיך שלאָגן מיט בורזשויען.
דו זעסט דעם פויסט? אָהאָ, ס'איז עפּעס שטארקס!
און דו ניט קוק, וואָס מײַנע וואָנצן גרויען,
ס'איז קויעך דאָ גענוג..." אָ, בוניע קאָן די אויגן
גאָרנישט טרויען.

ס'זיצט בערע מיט א מיידל אף די קני.
זי זינגט, און ער דערציילט באַרימערײַען:
„דו, נאסטיע, נאסטיע, ווייסט נאָר פון די קי,
געשטעלט די זויערמילך, פארמישט די קלײַען,
אָן אונדזעריקער איז פארנומען טאָג ווי נאכט
מיט דענקערײַען!"

נאָר אומגעריכט געוואָרן איז ער שטום
(אין פירהויז־טיר איז בוניע ביק געשטאנען),
די העלדזער אויסגעצויגן לאנג און קרום,
אף הויכע פיס, ווי טרוקענע בוטשאנען,
מע האָט זיך אָנגעקוקט — און איינער האָט
דעם אנדערן פארשטאנען...

די נאסטיע זאָגט: „זײַט וויסן, ליבע לײַט,
ס'איז מיט דעם שטאָט־מענטש אָנגענעם צו שפּרעכן.
דעם דאָרפישן פעלט אויס די איידלקײַט;
מע האלט אין קנײַפּן זיך און שטעכן־ברעכן.
וואָס איז די פּויערטע אין דאָרף? זי קינדלט נאָכאנאנד
און איז א קעכן".

נאָר בערע טוט דעם גראָבן וואָנץ א וויש
און זאָגט: „געגוג גערעדט פון הויכע זאכן!
דערלאנג עפּעס, אָ טײַערע, צום טיש,
מיר וועלן זען די וועלט שוין איבערמאכן.
דו זעסט — מע טוט, מע קעמפט, מע וואנדערוועט
איבער די שליאכן..."

און ווי די יונגעץ רײַבן, איז באוווסט:
עס קלאפּן צוויי אוועקגעלאָזטע מילן.
איין רעגע נאָר — די שיסלען זײַנען פּוסט,
און ווידער נעמט זיי נאסטיע אָנצופילן.
אזוי קעסיידער... ביסקל בוניע איז ארויס
זײַן צאָרן שטילן.

ער טוט א זעץ אין טיש, ער לאָזט ארויס א ברום
און ציט דאן אויס א פינגער, ווי א שטעקן:
„אָ, קום, פארטונקלטער באוווּסטזײַן, קום!
קום שרײַען און קום וועקן,
ס'איז ברוך ארום! עס רינט די וועלט
אין אירע לעכערדיקע עקן!"

און בערע זיצט שוין נעבעכדיק א טאם;
ס'האָט גאָט אים אָנגעשיקט דעם מארעוויכער.
די נאסטיע טוליעט זיך... דער ליבע־פלאם
גליט אונטער אָנוטשעס און טיכער.
דאָ טוט ער זי א כאפּ. עס ברעכט דאן אויס א טאנץ
א פלאמענדיקער וויכער.

עס טאנצט די זון, און ס'ברומט צו דאָס געפעס,
די שויבן ציטערן, די בענקלעך פאלן,
עס טראָגט זיך בערע מיט דעם נאקעטן געזעס
אונטער די פײַערדיקע ריטער־שטראלן.
האָפּ, האָפּ, האָפּ, האָפּ! האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ! —
צוויי זיסע נאכטיגאלן!

און נאסטיע אויך — די פיס, ווי רונדע קריג,
די בריסט, ווי פרישער קירבעס אף די בייטן,
ער טאנצט דעם באָק, זי איז די ציג,
און מיט די הערנער איינס צום צווייטן,
האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ! האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ! —
צוויי כיינעוודיקע קווייטן!

6. אין א יאָדלאָוון וואלד

ס'לײַכט ברוין די זון אין זאסקעוויצער וואלד,
ווו ס'ברענען זאפטיק־רויטע מוכאָמאָרן,
ווו ס'שפּארט מיט פוילעניש פון יעדן שפּאלט
און ס'שטינקען קאָרטשעס פון פאר טויזנט יאָרן,
ווו ס'קילט די זון און יעדע האָרעדיקע צווײַג
איז צוגעפראָרן...

דאָ טראָגט דער שטײן א נאסע באָרד פון מאָך,
און ריטער, ריטער צאפּלען אויסגענאָגטע,
און ווו א טונקלעניש, איז עס א סומנע לאָך,
ווו ס'זיצט די געלע סאָווע א פארקלאָגטע,
און עפּעס מאטערט דאָ, ווי אין א טרויער־בוך,
פון ליידן ניט דערזאָגטע.

ס'איז נאכט, די יונגען ברעכן זיך א וועג,
עס טראָגט זיך ווײַט ארום א טויבער קנאלן,
דער פויסט — א האק, די צײנער — פאר א זעג,
און ביימער שווערע ציטערן און פאלן.
מע קריכט אין זומפּ, די נעזער אָפּגעקאלכט
פון ווײַטע שטראלן...

פארוואקסן האָט א קאָלטנדיקע פעל
די שטאמען, ווי מענוירעס אויסגעדרייטע;
עס בלײכן ווייך לישײַעס טונקל־העל,

ווי זילבערלעכע נעצן אויסגעשפּרייטע,
און ערגעץ הענגט דאָ די לעוואָנע הויך,
א לאַנגע און א טויטע.

אין וואַלד האָט מען זיך, כאָווער, אָפּגעזעצט.
ס׳האָט בערע קוים א פייַער אופגעבלאָזן;
אַרום אין כוישעך טראָפּלט, פּיקט און נעצט,
עס פלאַשען אויסגעווייקטע גראָזן.
ס׳זיצט בוניע שטום. ער דענקט. ער בלאָזט. און אָט
האָט ער זיך אָף א קאָל צעלאָזן:

„אָ, מענטשהייַט, אָן א היים און אָן א דאַך,
עס לוינט דייַן מאַזל צו באַוויינען, —
אין ווייכע נעסטן שלאָפט דער שנאָבל־פּאַך,
אין נאָרעס וואַרעמע — די וואַלד־פאַריינען,
א מענטש נאָר צו א מענטש וויל זיך אַלץ
ניט צוגעווינען.

דו פרעג באַשייד באַם פראָסטן וואָראָביי,
דו פרעג די קאַלטע, ליטווישע בוטשאַנען, —
איעדער הויערט אָף זייַן מיסט און שטרוי,
בלויז דו, אָ, ווייסט ניט פון אַהין ביזדאַנען!
צו וואָס באַדאַרף מען הויכע קוימענס?.. וואָס איז
די כאָכמע פון די באַנען?..

אָ, בערע, בערע, ברודער מייַן אין נויט,
האַלט צו, מייַן סיווער קאָפּ זאָל זיך ניט שפּאַלטן
באַם דענקען פונעם לעבן און פון טויט.
ווייַל עפּעס איז דאָ אומקלאָר און באַהאַלטן...״
אָט דאָס האָט ער געזאָגט — און זיך פאַרוויקלט
אין טולופּל דעם אַלטן.

האָט מען אָן אײַזערנע א לאַנגע נאַכט
אַזוי געשטאַרט באַם דרעמלענדיקן פייַער.

דערציילט זיך מײַסעס, וואָר און אויסגעטראַכט,
פון בופלאָקס און פון גרינעם אומגעהויער —
האלב פרויענצימער און האלב מאן, וואָס זינגט
אין נאסן אויער...

7. בא א מיל

און אָנגעקומען איז מען האלבע נאכט
צו א פארוואקס׳נער מיל, צו א וואלד און וואסער;
געוועזן איז אלץ פארשלאָגן און פארמאכט,
פארגליווערט לעפיש אין דער לופט דער נאסער.
דאָס טײַכל בלויז האָט פון דעם גראָבן גראָז
ארויסגעשײַנט א בלאסער.

און בוניע האָט געזאָגט: „דו, מילנער, דו!
כ׳באדויער איצט דײַן לעבן אָן א זינען:
וואָס איז דער מענטש! און ווו איז גאָט, אווו?
און צי וועט ס׳בידנע אמכאָ טרייסט געפינען? — —
דו שלאָפסט, דו שלאָפסט, די מילנערקע באם זײַט,
און דײַנע טעג פארינען.

דער שטערן ווינקט אראָפּ, דאָס טײַכל העלט,
דער הימל הילכט פון זילבערנע געשרייען:
ווער ווייסט, צי אף עלעקטרע גייט די וועלט,
און איר שפּרונדזשינע ווער עס טוט אָנדרייען?
דו שלאָפסט, דו שלאָפט, די מילנערקע באם זײַט,
און דײַנע טעג פארווייען...״

דערנאָך האָט מען זיך אויסגעצויגן פויל
און אײַנגעשלאָפן אין די נאסע גרעזער,
געכראָפּעט און געכאָרכלט פונעם מויל,

מען האָט געפּאַנפּעט מיט די לאַנגע נעזער;
די וויִען, ווי די לאָדנס אָנגערוקט
איבער די אויגן־גלעזער.

די מעליקע לעוואָנע אף דער מיל
האָט נאָכגעטאַפּט די כאָשעדיקע יונגען:
„אָ, באַלעבאָס, איך ווייס ניט, וואָס מען וויל...״
נאָר איר אַגונע־שטים איז אויך פאַרקלונגען.
דער מילנער האָט גערעדט פון שלאָף, און פּערצן
נעזלעך האָבן צוגעזונגען.

8. פאַרטאָג

פאַרטאָג, ווי פון דער שווארצער פעל,
דער אָקס פול דאמף און בלוט קריכט אָפּגעשונדן —
אזוי איז דער באגין פארבלוטיקט העל
געקראָכן פון דער פינצטער אָנגעצונדן,
דאָס נאקעט פלאמענדיקע לײַב אין פעלד,
די פיס נאָך אין דער נאכט געבונדן.

און ס'שפּרײַזן בײדע יונגען מיטן טראַקט.
א יישעוו זעט מען ניט... נאָר פּלײנען, פּלײנען,
דער לארך אין אויסגעגלאָזטן הימל קנאַקט,
עס שטראַלט די לויטערקײַט, וואָס נאָכן ווײנען,
און קלאָר איז יעדער בוים און יעדער פּײַכטער בלאט
אין די קודלאטע קרוינען.

9. בערע שפּילט אפֿן האָרן

די נעפּלען קײַקלען זיך פֿון דינער מילך,
און ביימער־שאָטנס שטארן און פֿארשווימען,
עס רוישט, עס שאָרכט א זײַדענער געהילך,
א ווייכע שושקעניש פֿון האלבע שטימען.
אָ, האָרן! עס קלאַפּט דער פּיקהאָלץ אויס
א הילצערדיקן הימן.

דאָס לאנד, דער הימל האָבן זיך פֿארמישט,
די קלאנגען, פֿעלד און לופֿט צונויפֿגעקנאָטן;
עס פֿינטלט ווי פֿארויכערט און פֿארווישט
א שוואלב אף טעלעגראפֿן־דראָטן.
ס׳איז כאָלעם. וואָר איז בלויז דאָס שטיקל שליאך,
וואָס ווערט באטראָטן.

ס׳גייט בוניע שטום פֿארבונדן אף א באק,
און בערע שלעפּט א פֿוס אן אויסגעדרייטן,
פֿארוויקלט ווארעם אין אן אלטן זאק,
ער קריכט אים נאָך א פֿולער און א ברייטער,
און באָרוועס פֿאדעט מען אין ליים
מיט פּיאטעס רויטע.

עס פֿאלט פֿון בארג אראָפּ דער שליאך אין טאָל,
די נאסע, קורצע ווערבעס בא די זײַטן.
און בערע הינקט. ער קרעכצעט אפֿן קאָל:

„אָ, זאָג מיר, וויפל איז דער שיר צו שטרײַטן?!
דו זעסט נאָר קלעפּ נאָך קלעפּ און עפּעס זעט מען ניט
די נײַע צײַטן?!״

דער נעפּל בלעטערט זיך און שימערט שטום,
און זיי אין אים, ווי פלעקן דורכגעפּעטסטע,
מע קריכט פאָרויס, מע טאַפּט דעם וועג ארום;
די קנאָדערדיקע היט אראָפּגעזעצטע,
די וואָנצן אַף אראָפּ — זיי שטייען אפן בארג, —
צוויי הענער אויסגענעצטע.

און אויבן — לאָנקעס שפּרייטן זיך אין טוי.
עס פיטערט זיך די טשערעדע פון סראָרע.
דער פּאסטעך זיצט — אלט איז ער און גרוי,
רעדט שטיל, און ניסט, און שפּרעכט זיך אַפּ אײַנהאָרע...
ער פלעכט אויס לאפּטשעס, קאָשעקעס
פון פרישער קאָרע.

ס׳זאָגט בוניע הויך: „דזשיען־דאָברי, אלטער כריין!״
און יענער ענטפערט: „וואצפּאני, דזשענקויע!״
מע זעצט זיך שוין דערבײַ אַפּ אַף א שטיין, —
א שמועס וועגן פּי און וועגן טוווע.
אהער־אהין — „א מענטש אן ערלעכער איז הײַנט
נישטאָ אַף א רעפּוע!״

דאָ הייבט זיך בערע אוף: „אָ, זיידעניו!
דו לאָז מיך נאָר א בלאָז טאָן אין דײַן האָרן,
איך וויל דאָ פאר דעם שעפּס און פאר דער קו
א זונג טאָן עפּעס פון די קינדער־יאָרן.
אָ, לאָז מיך, לאָז...״ און בערע איז אזש
בלייך געוואָרן.

א כאַפּ געטאָן דעם האָרן צו דעם מויל,
האָט ער גענומען זיך פאנאנדערוויגן,

ארויסגעריסן האָט זיך נאַקעט־הויל
א בריל, אווילדער ווײ־געשריגן.
און ווײַט אין פעלד האָט זיך צעברומט
זײַן געלער פלאַנכעדיקער ניגן.

ער האָט געבלאָזן ביטער און געקלאָגט:
„דאָס פעלד איז גאָט, דער האָרן איז דער בעטער,
אָ, ווו האָב איך געגעכטיקט און געטאָגט?!
כ׳בין ווי דאָס האָלץ אָן צווײַגן און אָן בלעטער.
עס גרויען בייזע מײַנע טעג, ווי שווארצע,
הארטע טארע־ברעטער.

מײַן טאַטע איז דער לאנגער ברייטער שליאך,
דאָס פעלד איז גאָט, מײַן בעטער איז דער האָרן.
כ׳בין ווי דער ראָב, וואָס וויגט דאָס צווײַגל סכאך,
פון טרויער — הארט, פון פלאָגן — שווארץ געוואָרן.
די סאָווע האָט א נעסט, די קו א שטאל, און איך בין
א פארשטויסענער געבאָרן״.

ער האָט געבלאָזן, ביטערלעך געקלאָגט,
אויך בוניע האָט א וויש געטאָן די ברעמען.
און צו דעם פאסטעך בוניע האָט געזאָגט:
„ווייס, אלטער כריין, מיר וועלן אלץ אָפּנעמען —
דו קריגסט די פּי, ווי א געשאנק... דערמאָן
צום גוטן כאָטש אונדזערע נעמען״.

די זון האָט אופגעבליצט אין ווײַטן טוי,
צעשפריצט זיך פערלדיק אף צווײַג און גראָזן,
עס האָט געגנומען וויקלען זיך דאָס גרוי,
און גיין, און אופפלאצן, ווי זייפנבלאָזן.
די טאָלן האָבן זיך ארויסגעשיילט
אין גרינעם און אין ראָזן.

א קו איז שווער געשטאַנען און געקוקט,
די שווארצע פעל מיט ווײַס, ווי אָנגעמאָלן —

איבער די אויגן קנייטשן אָנגערוקט,
זי האָט געשטוינט צוזאמען מיט די טאָלן,
זי האָט געטראכט, געגליווערט מיט א פּוסטן קאָפּ
און אָנגעקוואָלן.

און הער: ס'איז יעדער צווײַג א פּײַפיאָל,
ס'איז יעדער שטיין באם וועג א גרויער פידל;
דער אקער בליצט אין וועסנעדיקן טאָל,
עס קלינגט פון בייט אראָפּ דער בלאנקער רידל,
און אין דעם קורצן קוסט דער פּראָסטער טשיזשיק
זינגט א פּראָסטינק לידל...

10. פאַרטאָג

פאַרטאָג באַם מידן אופבליצן פון ראָז,
וואָס וויל די וועוועמרקע־נארישעוואַטע?
ווער ווייסט דעם קלונג פון אונדזער פראָסטן גראָז?
דעם בליק פון אונדזער קו, דער טאמעוואַטע?
ווער ווייסט די שרעק פון אונדזערער א יאָדלע,
די טרויעריק צעליאפעוואַטע?

אין נעפלען וויגן זיך די סטערטעס היי
און טפילעס מעשענע פון ווײַטע גלאָקן;
עס שנײַדט זיך דורכן גראָז א טרוקענער שאָסיי —
א טויטער שרונט אין די צעגראָזטע לאָקן.
עס בלויט. די שטילקײַט שלאָפט אף יעדן שטיין
און הענגט אף יעדן פלאָקן.

און בוניע זאָגט: „מיר שפאנען צו דער שטאָט.
צי פילסטו, כאָוער בערע, די אכרײַעס?
באַנעמסטו כאָטש, ווי ס׳ווערט באדראָ׳ט
די אלטע וועלט אין שימל און לישײַעס?"
נאָר ס׳ענטפערט בערע: „אָ, ווי דען, איך פיל עס
און פארדײַ עס".

זאָגט בוניע דאן: „טאָ גרייט דעם גראָבן פויסט,
דו, דו, די שטומע קראפט, וואָס גייט צעשטערן...
שטיי אוף, פראָלעטאריאַט, דײַן צאָרן ברויזט,

אָ, דאלעס־לעמפּערטן, אָ, קעלער־בערן!..״
און ס׳ברומט צו דער פּאַלענט: „ס׳איז קויעך נאָך פאַראן
א וועלט צו איבערקערן!״

מע האָט אוועקגעשפּרייזט מיט לאנגע פּיס,
אוועקגעוויאָסלעוועט, ווי די ציקאַדן;
די אייגלעך פּײַכטינקע און צוקער־זיס,
צעפּאָרן און צעהאָצט, ווי אלטע מאַדן,
אין פויסט אריינגעשפּײַט און העלדיש צוגעפּײַפט —
צוויי בלאָנדזשענדע באַלאַדן.

11. באטאָג

ס'איז הייס, דער גליווערדיקער טאמעז ברענט.
אָן שאָטנס העלט דאָס פעלד, ווי אויסגעשליפן;
די ווײַטן בלויע, גליִענדיקע ווענט,
ס'ליגט קלאָר די וועלט ביז אין די טיפסטע טיפן.
און רו. בלויז הארטע קלינגענדיקע שטראלן
אינדערלופטן שטיפן.

און פון די בעק געראונען האָט דער שווייס,
ווי ס'רינט פון סאָסנעס אָפּ די טערפּקע סמאָלע;
עס שנײַדן שטראלן, ווי כאלאָפּים הייס,
און וואקלדיק פון זון איז מען שוין מאָלע.
די לײַבער אָפּן... ווו עס הענגט דאָס העמד
און ווו עס שטארצט א פּאָלע...

12. בא דער שטאָט

אום האַלבן טאָג האָט מען דערזען, דערזען:
עס בלומט די שטאָט אַרום אין אַלע טאָלן,
די פֿענצטער שפּריצן אינעם טאַמעוזדיקן ברען,
עס שרײַט דאָס בלעך אַף רויט און גרין באַמאָלן,
די צלאָמים פּלאַקערן פֿון קופּלען־ציבעלעס,
און ס׳לויכטן טורעמס, ווי קרישטאָלן.

עס דאַמפּט, עס ברומט די אָנגעגליטע שטאָט,
מיט הימלען דורכגעזעגט פֿון שוואַרצע טרויבן,
מיט שטימען ווינטיקע אין קאַלטן דראָט.
עס בליצט די שטאָט אַדורך מיליאָנען שויבן.
און ס׳הוילט די רער. און ס׳ברילט די ראָד.
און די עלעקטרע טאַנצט פֿון אויבן...

געבליבן איז מען העשעדיק און שטום,
געקוקט מיט הייסע קײַלעכדיקע אויגן:
ס׳איז וואָר? צי עפּשער טורעמט זיך אַרום
אַ כאָלעם ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן?
אָ, יאָמער־טאָל! דײַן נעפּל איז אַ רויך
און אײַזן איז דײַן רעגנבויגן!

עס שטייען שטאַר, באַדריפּעט און פֿאַרשמאַכט
די בלויע באַל־כאַלוימעס פֿונעם קעלער.

די שטאָט פאַרגייט. עס קריכט די נאַסע נאַכט
פון די בעסאַלמענס, טפיסעס און שפּיטעלער.
פאַרויס! אַ בליץ שניַידט דורך די מאָכיקע
געשאָמעס העל און העלער.

1927

דיסנער טשײַלד־האַראָלד

1. א באַן

1

א באַן. א פענצטער. א פּאָנעם קווּעלט.
א ליולקע צווישן שטײַפע ליפּן.
א יונג האָט זיך געלאָזן אין דער וועלט
מיט גאַרנישט, בלויז מיט גאַנצע ריפּן.
אין קעשענע א בינטל ווילדע לידער,
א פּעקל פּאַפּיראָסן און א העמד:
אזוי האָט זיך דאָס שנײַדערל — זײַן טאַטע — מיט א סידער
אַמאָל געלאָזן אין דער פרעמד.
די רעדער רודערן — טאַך־טאַך־טאַך־טאַך,
און מאַכטן בײַטן זיך, און מעלוכעס שוועבן!
— ס׳איז גוט, — האָט ער געטראַכט, — עס איז א זאַך,
וואָס מענטשן שלאָגן זיך און לעבן...

2

אין וואַגאָן — דאָס קוידערוועלש פון דער מעדינע:
דאַמען — בידעמײַער, טיפּזיניקע ברילן,
א לאַמפּאַס פון א גענעראַל אונטער א פּעלערינע,
א לאַנגער וואָנץ א פּוילישער אין האָנער און אין ווילן.
און יעדער אויג קוקט שטאַר ווי א לאָרנעט,

געליימט אַף אייביק, פּונקט פאַרבליבן
ס׳איז פון איטלעכן אַ קערפּער אַ מאַקעט,
נאָר דער מענטש האָט זיך ארויסגעקליבן.
די בורזשואַזיע קלעטערט אַף די באַנען
און רײַסט זיך שווײַגנדיק צו רוסלאַנדס טיר,
און ער איז מיט דער ליולקע דאָ געשטאַנען —
אַ וואַגאַבונד, אַ ליולקעמאַן, אַ פּאַסאַזשיר...

3

האַרבסט. הויל. אַ קעלבל באַ אַ קרענעצע.
מיט וועלדער־בלוי — די נאַסע ווײַט באַפאָרבן.
געשלעפּט האָט זיך דער טויטער צוג צום גרענעץ
און איז אַף יעדער סטאַנציע אָפּגעשטאָרבן.
אַ כאָרעווער וואָקזאַלכל. שטיל. שפּעט.
דער רעגן וואַשט די טעלעגראַפן־דראָטן.
און דאָך — פאַרבײַ די שויבן גייט אַדורך אַ שאָטן,
און ס׳שלײַכט אַדורך אַ שטאָלענער באַגנעט.
אַ באָלשעוויק! דאָס פּאַפּירעסל אין די ציינער.
די אויגן — קאָסעוואָקלעכע. ער היט.
און אין וואַגאָן האָט ליולקעמאַן בלויז איינער
זיך רויִק צוגעהערט צו זײַנע טריט.

4

ס׳האָט נײַנצן יאָר דער בראַווער ליולקעמאַן
געלייענט שיינע לידער און ראָמאַנען,
ביז ס׳האָט די וועלט אים אויסגעזען ווי אַ ראָמאַן,
ווּ בירגערקריג איז אויך פאַראַנען,
ס׳איז מאָדנע גוט אַרומצוגיין און הערן,
ווי ס׳קלינגען לאָזונגען, ווי ס׳שאָרכען פאָנען,
ווי געשפּרעכן פירן קליינע רעוואָלווערן —
עס איז אַ מײַסע פון נאַט פּינקערטאָנען.
און טראַסקעט דורך די גאַסן אַ פאַרעלטערטער האַרמאַט,

א דײַטשע קאסקע וואלגערט זיך אין רינע, —
איז ליוּלקעמאן אין פעדערן. און אויב ער איז נאָך זאט,
איז ער א פּאַרטיקער רינאַלדאָ רינאַלדיני[1].

5

און פלוצלינג זיצט ער אין וואגאָן, ער פאָרט שטודירן
קיין אייראָפּע. א יעדער צו זײַן פאך: א פויגל זינגט,
א באָלשעוויק מאכט רעוואָליוציעס, און ליוּלקעמאן מוז אומבאדינגט
שטודירן. דער טאָג פארגייט. שטאָלענע קאָלירן.
אַלץ שלינגען פון דער געגנט אויס די הייסע אויגן:
א יאָדלע א ווײַסרוסישע אין טאָל. א בריק,
אָט איז א מוטנע טײַכל פלוצלינג דורכגעפלויגן,
און ס׳יאָגן אײַליק טעלעגראַפן־סלופּעס אַף צוריק.
עס ענדיקט זיך די היים! און אויב דיך מאטערט וואָס און מאָנט,
דו שווײַג, מײַן פרײַנט, ווי אלע אין וואגאָן דאָ שווײַגן,
ווי ס׳שווײַגן דאָרטן ווײַט, באם ווײַסן האָריזאָנט,
דרײַ זילבערלעכע סאָסנעס, איינציקע, אָן צווײַגן...

---

[1] העלד פון אן איטאליענישן אוואנטיור־ראמאן.

II. בערלין

6

וויוואט, אייראָפּע! עס האָט דער יאַם
ארויסגעוואָרפן מאָסקווער סאָכרים אַף קורפירסטנדאם[1];
מיליאָנערן, טשעק־ביכער און גאָלד —
און דעם לאָהויסקער טשײַלד־הארָאָלד.
א לויב צו יענער גוטער שאָ,
ווען ער איז גלײַך מיט אלעמען געפלויגן!
ס׳שטייט ליולקעמאן באַם באנהאָף צאָ
און קוקט אייראָפּע אין די אויגן.
אָ, לאנד! ווו די עלעקטרע פליסט
אין דראָטן, און אין אָדערן — שאמפאניער;
ווו יעדער ארבעטער איז א מארקסיסט,
און יעדער קרעמער איז א קאנטיאַנער.

7

ס׳איז זומער־אָוונט. א שטופּערײַ
באַם באנהאָף צאָ. עס טראָגט פון אונטערערד,
פון ליארעמדיקן שטאָט־באַן, פון טראמווײַ
מיט היט און היט און פּריש־ראזירטע בערד.
אויטאָס בילן. עלעקטרישע רעקלאמעס

[1] הויפּט־גאס אין בערלינער בורזשואזן קווארטאל.

שרײַבן זיך אין הימל. א ראדיאָ שרײַט
אין היץ פונעם בערלינער טאמעז:
— אלעס יוט! פּראָספּעריטי! אָלרײַט!
און ס׳צינדן זיך שוין פײַערן פון קאבארעס;
ס׳שלאָגט נײַן דער נירנבערגער זייגער —
דעם ערשטן שיקערן מעסלעס
האָט ליולקעמאן שטודירט בערלינער שטייגער.

8

די טשײַלד־האראָלדן עסן ווייניק,
באזונדערס דיסנער טשײַלד־האראָלד —
ער איז א שווארצער, שלאנק און בייניק,
איז ריין, כאָטש שלעכט ארומגעגאָלט.
און ס׳טראָגט פון אים די שנײַדערישע מי
פון דוירעס אָרעמאן אף אָרעמאן —
עס האָט שוין ליולקעמאן א צימער אף בעלווי,
און וואשט די טעלער אין א רעסטאָראן.
און אין בערלינער הייסן אָוונט־בלאָ,
איז ער שוין אייראָפּעיִש זייער,
כאָטש ס׳פעלט אים נאָך צו זײַן אן אייראָפּייער —
א הונט, א טריפער און א פיזשאמאָ.

9

בעלווי איז שטיל. באלקאָנען און גארדינען.
דאָ טרעפט מען א געהיימראט אף שפּאציר.
דאָ ליגן די ראנטיעס, ווי שפּינען,
אײַנגעוועבט אין לעדערנעם אמפּיר.
אין אויטאָ דרעמלט אײַן דער שאָפער,
אן אלטיטשקע שיט קערנדלעך אין שפּריי,
דאָ טרינקט מען שטיל א פאצענהאָפער
און מע פארקוקט זיך גלאט אזוי.

דאָ טרעפט מען ליולקעמאַנען מיט אַ בוך
באַם וואַסער. ער קוועלט.
און ס'איז אים גוט אין גרויסן ווידערשפּרוך
צו זיך, צום בוך און צו דער וועלט.

10

די באַלעבאָסטע ליולקעמאַנס איז גראָ,
אַן אַלטע פּרײַלן — פּרוילײַן ווייכערט.
זי זיצט בײַ זיך אין צימער־ראָקאָקאָ
און קאָרמעט אַ קאַנאַריקל און רויכערט.
דער פּרײַלן ווייכערט איז שוין אַכציק יאָר,
און דעם קאַנאַריקל גייט פערציק;
ס'באַדויערן איצט ביידע אָפּנהערציק —
מע האָט ניט, ליידער, אויפגעשטעלט קיין דאָר!
...אַ פּרילינג... שלעזיען... וואַסער... גראָזן...
אַ לייטענאַנט... געוועזן און ניטאָ...
דאָס פייגעלע איז ווײַס און אָנגעבלאָזן,
פּרוילײַן ווייכערט איז ווי שטענדיק גראָ.

11

די באַלעבאָסטע ליבט דעם יונגן רוסע —
זעקס און צוואַנציק — ער, און אַכציק — זי.
זי גרייט אים פרישטיק יעדן אינדערפרי,
און דאָס קאַנאַריקל איז פול מיט בושע.
באַטראַכט זי נאָכדעם ערנסט, ווי ער עסט
מיט הייסע טײַוועדיקע באַקן...
און זי דערזעט אין שרעק: סיבירער פרעסט,
סאַמאָוואַרן, בערן און קאַזאַקן...
פּרײַלן ווייכערט שאַרט אַרויס זיך שנעלער
צו איר ווײַסגילדענער ראָקאָקאָ־רו,
און בלויז ס'קאַנאַריקל פּײַפט צו,
ווען ליולקעמאַן גייט וואַשן זײַנע טעלער.

12

עס שמייַעט דער שווארצכיינעוודיקער רוס.
קוים פארבונדן דעם קראוואט,
ער זיצט שוין אפן דאך פון אָמניבוס
און לייענט דעם „בערלינער טאגעבלאט״.
אָט יאָגט מען דורך דעם בראנדענבורגער טאָר
מיט זייַנע זיגערישּ־צעווילדעוועטע פערד
(אָ, גלאָריאַ! כאָטש ס׳איז שוין שרעקלעך קלאָר,
אז אויך דער גרויסער זיגער ליגט צו דר׳ערד...);
אָט הערט ער אַף דעם זוניקן סאוויני־פּלאץ,
ווי פייגעלעך בערלינער זינגען;
אָט זיצט ער שוין באם „געץ פאָן בערליכינגען״
און פרייט זיך, און באלעקט זיך ווי א קאץ.

13

ער האָט שוין פרייַנט. צוויי מידע קאוואלערן
פון דער קונסט. צוויי הונגער־לייַט:
יוסוף אבאָ און עריך דערן —
די אומרוס פון אן אָפּגעשטעלטער צייַט.
אבאָ איז א פארכאָלעמטער אראבער,
א ווייכער סקולפּטאָר מיט לעוואָנעדיקע הענט,
א קורצער יונג א קוטשעראווער,
וואָס בענקט אין ליים צום אָריענט.
און דערן איז דער מענטש פון טרויער,
א שטילער דייַטש, וואָס רעדט צו זיך אליין —
א ראפינירטער אייראָפּייער
מיט קוועקזילבער אין רוקנביין.

14

אין אָוונט זיצט מען אין קאפע,
עס שווימען פענעמער אין ווייכן רויך,

עס שווימען די געדאנקען אויך,
מע רעדט פון אלטן לאָא־טזע[1],
די ווערטער פליסן שארף און דין,
און ס׳קלינגען פײַן די אפאָריזמען,
איעדער ציט דעם אלטן פּיזמען
פון דער אלטער דענק־מאשין.
בערלינער דיכטער שלײַפן דאָ
די שענסטע ווערטער־שניצערײַען, —
נאָר ס׳דרעמלט אײַן באם טיש אבאָ
און דערן שווײַגט אלץ ווי דער שלײַען.

15

בערלינער נעכט, עס בליצן בעלער.
דזשאזבאנדן ארום ליולקעמאנען.
בערלינער נעכט אין די שאנטאנען,
וואָס קען זײַן, כאווער, קולטורעלער?
דאָ זיצן געניִעס פון די אָפּזאצמערק;
פארשפּיצטע שארבנס, הענגענדיקע באקן,
די שווארצע פּרעק אף ראכוועסדיקע קערק
און רײַך־געפּאלדעוועטע האלדז־און־נאקן.
ס׳איז איטלעכער א פליישיקע קרעדענץ,
ווו ס׳רוישן איידלסטע געטראנק־סימפאָניעס,
דער דזשאזבאנד שרײַט מיט קוילעס פון קאָלאָניעס
אין שווארצע פײַערן פון נעגער־טענץ.

16

דאָס ווײַסע סערוועטל ארום פארשטעקט,
עס שפּיגלען זיך די פּליכן אין די טעלער,
עס פרירט אין עמערל דאָס פלעשל זעקט, —
וואָס קען זײַן, כאווער, קולטורעלער?

---

[1] אלטכינעזישער פילאָסאָף.

סאַרא געבליץ! סאַרא געזאַנג!
דער טשערי ברענדי בלוטיקט אינעם גלעזל:
— לעהן דײַנע וואַנג אָן מײַנע וואַנג[1],
דו, גרעטכען, מיט דעם זיסן נעזל,
דער דזשאַזבאַנד לײַטערט מײַן פֿאַרשטאַנד,
דער בויך־טאַנץ מאַכט מײַן לעבן העלער!
ס׳זיצט ליולקעמאַן אין באַר „אַם שטראַנד״, —
וואָס קען זײַן, כאַווער, קולטורעלער?

17

ס׳האָט שמוליק ליולקעמאַן זיך אָפּגעגעבן,
געברענט. געברענט. געברענט.
אַבאָ האָט בלויז די טראַכטנדיקע הענט,
נאָר דערן לערנט אים דעם סאָד פֿון לעבן:
— אָ, מישַׁ זיך ניט און נעם פֿון אַלעם גרייטן;
דו קויף, מײַן פֿרײַנט, אַ גרויסן שעפּער־הונט
און זאָל ער דיר דײַן וועלט באַגלייטן!
און ביכער לייען ניט — ס׳איז אומגעזונט!
ווײַל דאָס געמאַכטע איבערמאַכן —
דאָס קאָן מען נאָר אין פּרעפּעראַנס;
דו זײַ אַ דזשענטלמען פֿאַר־עקסעליאַנס
און לאַך ניט מיט, ווען אַלע לאַכן.

18

דער לערער ליבט די קליידער פֿון געדאַנקען,
אָן אַפֿאָריזם צי אַ קאַלאַמבור;
דערן שטייט שוין לאַנג הינטערן פּלאַנקען
פֿון אַ פֿאַרענדיקטער קולטור.
ער לערנט דעם אַראַבער דענקען,
און ליולקעמאַנען פֿירט ער אויך

---

[1] „לייג דײַן באַק צו מײַן באַק״ — פֿון היינעס אַ ליד.

אין פילאָסאָפיש־בלויען רויך
פון וואָס־נאַר־הערן־און־געדענקען!
און אומעטום איז זיסע שרעק:
שפּענגלער, קײַזערלינג און לאָסקער־שילער,
די ווערטער שפּרינגען ווי די בעק,
כאָטש ס׳פּליסט דאָס מידע בלוט שוין קילער.

19

ס׳הערט ליולקעמאַן און הערט די דולע צײַט:
בערלין פאַרגייט זיך אין געשרייען;
דער אַלטער מיכעל אין די גלעקלעך שרײַט;
עס שרײַען די טעאַטערס און מוזייען.
גראַנאַך יושעט אויף דער וויסטער בינע
אין אַ טירעף. מאָיסי[1] זינגט,
ווי אַ קראַנקע בלאַסע באַלערינע,
און די געשטאָרבענע פּאָעזיע שטינקט...
עס איז די גסיסע פון אַ ווײַטן ברויזן,
עס איז די מיסע, וואָס איז זיס, —
עקספּרעסיאָניזם שפּרײַזט מיט רויטע פיס,
דאַדאַ[2] — מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן.

20

און בלויז איין קילער ווינקל איז פאַראַן —
דער „קײַזער פרידריך״, אַ פאַרגעסענער מוזיי.
איעדן זונטיק ברענגט דאָ ליולקעמאַן
אַ הויכע פרײַלן, קאַלט ווי שניי.
דאָ שײַנט די שיינע אַלטקײַט שענער,
שענער שײַנט די שיינע אַלטקײַט דאָ,
דאָס פרײַלן זיפצעט פון די איטאַליענער,

---

[1] גראַנאַך און מאָיסי — באַרימטע אַקטיאָרן.
[2] דאַדאַ, דאַדאַיזם — ריכטונג אין קונסט און ליטעראַטור.

דאָס פרײַלן װײנט פון באָטיטשעליס בלאָ.
און שײן איז אויך מיט ליולקעמאַנען —
ער שפּאַנט איבער די צימערן פאַרשטײַפּט,
א קאַפּ געפּילט, א לעק פאַרשטאַנען,
דאָס איבעריקע — צוגעפּײַפּט.

21

אזוי האָט טשײַלד־האַראָלד געװעלט
פאַרזוכן גליק, פון אַלץ געניסן;
א נאַש געטאָן פון יעדער זײַט די װעלט
און זיך באַלעקט פון דעם געשמאַקן ביסן.
און ס׳האָט געװירט דער טונקעלער געמיש
פון סענדערל און לאָמאַנאָסאָװ;
ס׳איז די עלעקטרישע אײראָפּע פּריש
פאַר א נאַראָװליער לעב־פילאָסאָף.
און בלויז אײנמאָל האָט ער א זאָג געטאָן
אין שפּעטער נאַכט צו זיך אין קישן:
— איך בין געגליכן צו א לופט־באַלאָן,
פון לאַנגן פּאָדעם אָפּגעריסן.

III. קרוטשקאָוו

22

באם ראָג, ווו א לאמטערן האָט דערברענט
די לעצטע שאָ אף הימלען בלאסע,
האָט אים אבאָ מיט איר באקענט —
א בלאָנדע פייגעלע פון טואנציען־שטראסע.
פארקוטעט אין א ווײַסן פאלאנטין,
אין שמאָלע שיכעלעך פון ווין, —
האָט זי ניט אופגעהערט צו לאכן
און פלאפלען אף א צענדליק שפּראכן.
ער האָט געקוקט זיך פאזע ברעם,
און ניט געוווסט, און ניט פארשטאנען;
זי האָט געשעפטשעט ליולקעמאנען:
— „אײַ לאוו יו״ און „זשע ווו זעם!״

23

דערנאָך האָט מען געהוליעט בא אבאָ
אין אטעליע. אף טעפּיכער טיימאָנער
האָט זיך ארומגעוואלגערט דער סמאָרגאָנער
טשײַלד־האראָלד. אין דעם באגינען־בלאָ
געריפּעט האָבן הייזעריק די נערוון,
געטונקלט זיך אין קילער שײַן,
ווי אָט די לערע פּושקע פון קאָנסערוון
און פלעשלעך ליידיקע פון ווײַן.
און ס׳בלאָנדע פייגעלע האָט האלב אין שלאָף

געמורמלט פונעם גרינעם קישן:
— זאָג, ליבער בוב, איך מעכטע ס׳ווּיסן,
ביסט ניכט קאָזאקע הער קרוטשקאָוו?..

24

„איך בין ניכט, ליבכען, הער קרוטשקאָוו,
שלאָף רוּיק איַין, מיַין קינד, ניט ציטער...
כ׳בין בלויז קאָזאקע אויס שקלאָוו, אויס שקלאָוו;
מיַין פאפא וואר איַין אלטער ריטער
פאָן איַיזנשער... ער האָט געשלונגען
הייסע בולבע פונעם סאמע פלאם,
און לויט די זיטן פונעם נאָדל־שטאם,
האָט ער א לעבן אָפּגעזונגען...
און, ליבכען, ווייס, אויך זיסע טרעלן —
דאָס טראָגט מען איבער ביז א מאָס:
מיר זיַינען אלע פון זיַין מירמל־שלאָס
צעפלויגן איינציקוויַיז אין אלדי העלן".

VI. ווערינג[1]

25

ס׳איז שווארץ דער הימל נאָך, און קאלט, און גרויס —
נאָר ס׳שאָרכן שוין וועלאָסיפּעדן.
עס שיטן כמורנע ארבעטער ארויס
צו די פאבריקן. אף יעדן
ראָג — א מאטעווער לאמטערן,
א גרינער שופּאָ און א גאסן־פרוי;
ווו נאָר עס ליגט א שטאָט אונטער די שטערן,
באגעגענען די דריט דעם מאָרגן־גרוי...
א האלבע נאכט אין קאבארע
מיט דזשאזבאנד און פּרעזערוואטיוון,
א האלבע — ליגט אין יאָך פון א. ע. גע.[2]
און באָרזיגס פינצטערע לאָקאָמאָטיוון.

26

און נאָכדעם גלאָצט א גרויסע זון
אף גרויע מויערן פון ווערינג און נײַ־קעלן,
ווי א פּרינץ פאָן האָהענצאָלערן
אף רייען דײַטשישע שינעלן.
א בריווטרעגער. א קארע ביר.

[1] ארבעטער־ראיאָן אין בערלין.
[2] אלגעמיינע עלעקטריציטעט־געזעלשאפט.

און מיט דער גראָבער פּײַפּע בא דער טיר
פארשלאָפן שטייט דער קײַלעכדיקער שענקער —
א האלבער מאלעך און א האלבער הענקער.
דאָ וואקסן ווערעמלעך, ווי שווארצער מאָן,
אף לעבער־ווורשט און מארגארינע;
א קאָלדרע טריקנט זיך אף א באלקאָן,
און אינעם צימער שפּילט א מאנדאָלינע:

27

— הער טיסען האָט די פּאָליציי,
און רײַכסווער האָט הער טיסען —
פארשרײַבסטו זיך אין דער פּארטיי?
דאָס וויסן, גרעטע, דארף איך וויסן!
ווילסט נאָר אין לונא־פּארק מיט יונגע מענער,
דו קום אין צירקוס בוש צו גיין;
געגנאָסע רעמעלע רעדט שיין,
געגנאָסע נוימאן רעדט נאָך שענער.
און ליבסטו מיך — טאָ וויס פּארוואָס
מיר שלאָפן ביידע אף איין קישן;
איך ליב זיך נאָר, ווען איך בין ארבעטלאָז, —
דאָס וויסן, גרעטע, דארפסטו וויסן!

28

עס שפּילט א פּראָסטינק פאָרהענגל אין ווינט,
א קאקטוס, ווי א פויסט צונויפגעבראָכן,
און צווישן זיצט — א קינד, צי ניט קיין קינד
פון גרינער הויט און לאנגע קנאָכן.
איז עס א קינד — צי עפּעס פליייש צעפלאָסן,
מיט אויגן שיטערע, ווי ביסלעך רויך?
כאָטש ערגעץ ווערט פאר דעם שוין אויסגעגאָסן
א קאלטע קויל אין צוקינפטיקן בויך.

עס רײַסט אין לאנד א יונגע מעלוכע־מאכט,
וואָס וועט א ריס טאָן פון איר פורעם,
ווי א ווײַסער פישער־פויגל אין א שטורעם
שיסט ארויס, און שרײַט, און לאכט...

29

דערווײַל איז שטיל. עס שלאָפט דער צאָרן
פארדרייט ווי א באָא אונטערן גלאָז,
ווי אָט דער קאקטוס פאָרמענלאָז,
נאָר ס׳ווערן שפרינגט שוין אין געוואָרן...
און אין די קנײַפּעס[1] ווישט מען אָפּ
דעם ביר־שוים פונעם וואָנץ. עס שטארן רויכן,
און ס׳שטארט די פײַפּע אויך און
דער עלנט בייגט דאָ קאָפּ צו קאָפּ.
געזאָגט א ווערטל ווען־ניט־ווען,
מע פּיפּקעט רויקע און שטײַפע, —
און אָפּגעמאָלט איז אף דער פײַפע
הער פעלדמארשאל פאָן מאקענזען.

30

נאָר ס׳טרעפט, אז צווישן ליולקעס דאָרטן
טוט ווער א צינד א פּראָסטן פּאפּיראָס.
א בלייכער מענטש אין אלטינקע באָטפאָרטן
פאריכט די ראדעק־ברילן אף דער נאָז.
ער איז שוין אפן טיש. די קנײַפּע זידט.
— פארטיי. באפעל. א דעמאָנסטראציע.
איין ארבעטער איז נויט און פראצע,
נאָר טויזנט זײַנען דינאמיט!
פארשמידט צום פעסל זײַנען יאָרן,
סע שטויינט דער פעסלדיקער באלעבאָס —

[1] קנײַפּע — שענק.

ס׳ווערט פּוסט אין שענקל. עס ליגט דער צאָרן
פאַרדרייט ווי א באָא אונטערן גלאָז.

31

און וועדינג, מיט א הארטן פּויסט צוקאָפּן,
שלאָפט דערנאָך. ס׳איז שפּעט באנאכט.
עס הענגט א גרויסע שווערד איבער אייראָפּע.
די טויערן, די קנײַפּעס צוגעמאכט —
איז שטיל אין דײַטשלאנד. די מעלוכע היט.
ווער בײַט די וואך אין מאָאביטער טפיסע?
סטינעס, קרופּ און טיסען...
עס הילכן אָפּ אין שלאָף די שווערע טריט.
די דײַטשישע לעוואָנע שווימט. א שטרענגע
שײַן. א פּראָפיל אָן הומאָר.
און ס׳דרעמלען אלץ די געסעלעך די ענגע —
א כאָלעם איז עס, צי גרויע וואָר?

V. ער האָט געליבט

32

ער האָט געליבט. און אַף אַ שטילער באַנק
אין טירגאָרטן געקרעכצעט פון דער ליבע:
וואָס איז די סיבה פון מײַן ראָזעווען געדאַנק?
און פון מײַן שײנעם בראָך — וואָס איז די סיבה?
כאָטש ווי דער אַלטער לייב, וואָס דרעמלט דאָ אין שטײַג,
ווי אָט די גוטע, מערכנדיקע בערן,
וועל איך אין קעשענע אַ דינע פײַג
אַרויסשטעלן צו מײַנע טרוימען און באַגערן,
ווי אַלעמאָל. כ׳בלײַב אײביק טרײַ
דער גרויסער שנײַדערישער ראַסע...
דו, בלאָנדע פײגעלע פון טאַונציִען־שטראַסע!
דו, קלײנינק מײדעלע פון פּאָרצעלײַ!

33

אַז ס׳בענקט אין שטײַג דער כמורנער פּעליקאַן,
פאַרדעקט ער זיך אין טרויער מיטן שנאָבל,
נאָר דער בערלינער ליולקעמאַן
איז אויך אין בענקשאַפט פּעשענעבל...
די ליולקע רויכערט זיך אין שמאָלער האַנט,
עס קוקן ווייך די קאַרע אויגן, —
און איבער אים הענגט אָנגעבויגן

א ווײַסע יאסמין־צווײַג, ער בענקט גאלאנט,
לויט קאָנראד פײַט. אין קלאָרן יון־טאָג
איז ער שוין אייראָפּעיִש זייער,
איצט פעלט אים בלויז צו זײַן אן אייראָפּייער —
א דארער ענגלישער בולדאָג.

34

ס'איז מיטאָג־צײַט. א הונגעריקער
טשײַלד־האראָלד שטעלט גאָרנישט פאָר...
ערשט זיצנדיק באם גלעזל ליקער,
לײַכט אוף זײַן שיינקײַט פארן דאָר.
באוועגונג. רויש. א גרינער שופאָ.
טראַמוויַיען. שילדן. שווינדלדיקע שײַן.
צו אשינגערן נאָך אן ארבעס־זופּע
איז דיסנער טשײַלד־האראָלד ארײַן.
אָ, אשינגער! ס'ווערט שטיב און רויך
פון אלע פײַנע בענקענישן,
ווען מע זיצט בא דײַנע טישן
מיט דעם ארבעס־שטיין אין בויך.

35

דאָ עסן „לעפל־ערבסן"[1] קליינע פי
אין אָפּגעריבענע מאנזשעטן;
די כעזשבנפירער, נאָך א טאָג פון מי,
טרוימען דאָ פון ווארעמע קלאָזעטן.
א מעקלערל. אן אָרעמער סטודענט.
א שטילע, דאווענדיקע קריגס־אלמאָנע —
מיט זיסע ליפּעלעך און פרומע הענט,
ווי די סיקסטינישע מאדאָנע.

---

[1] ארבעס־סופּ.

דאָ קוקט א הונגעריקער מאָלער,
ווי מע עסט. דאָ ליגט א גאסן־פרוי.
דאָ פיטערט מען דעם קליינעם צאָלער
מיט אייראָפּעיִשער פּאָמאַי.

36

דערנאָך איז שוין דער קראַנקער ליולקעמאַן
אין קלעם און קלעמעניש אַרײַנגעפאַלן.
געגליווערט בלייך און שטיל אפן דיוואַן,
ארומגעלייגט מיט ביכער און זשורנאַלן.
געלייענט שטירנערן, געלייענט היינען,
געלייענט קילפּע און יערוזאַלעם,
נאָר פלוצלינג הערט ער: זשע ווו זעם!..
און טשײַלד־האַראָלדן גלוסט זיך וויינען.
דאָס פרײַלן ווייכערט קלאַפּט: ס'איז הײַנט
דאָס גראָססע געטע־טאַג, צי דאַרף זי בעטן
דעם רוססע, ווי א מענטש און פרײַנט,
איין פירטל שטינדכען ווידמען געטען?

37

ס'איז הײַנט דער געטע־טאָג. עס פאַלן דין
פון די ראָקאָקאָ־זייגערס קלאָרע רעגעס.
דאָס פרײַלן ווייכערט לייענט באַם קאַמין
די ברייטע „רוימישע עלעגיעס״.
עס רוט דער דיכטער־גײַסט אין די פּאָרטיערן,
אין יעדן ציכטיק־בלאַנקעדיקן גלאָז,
און דאכט זיך, אויך די שאָטנדיקע ווענט דאָ הערן
די שטים פון גרעסטן באַלעבאָס.
בלויז ס'אַלטע פייגעלע האָט זיך פאַרלאָרן,
וואָס וויל הײַנט זינגען אומבאַדינגט:
— איך זינגע, ווי געהיימראַט געטע זינגט
צו זײַנע פאוסטישע יאָרן!

38

הער ליולקעמאַן האָט שטילערהייט געזאָגט:
— אַ פלוך צו אלע ייִדן און פראַנצויזן,
וואָס איַער קיַיזער איז פאַריאָגט
און מיכעל טאַנצט ארום אָן הויזן...
נאָר כ'זע שוין אָנקומען די יאָרן,
ווען יעדער האַנטעך זיַין וועט אויסגעניַיט
מיט געטעס וואָרט. אָ, צאַרט באַגלייט
פון צוויי מיליאָנען דיַיטשע שפּאָרן —
ס'וועט טאַגאַלאַנד נאָך קניִען פאַר זיַין רום,
און ס'וועט איין אויערל דער שאַנסאָנעטע
אַ מידער לייב פון אַ קאָנסאַרציִום
ציטירן פערזן פונעם גרויסן געטע!

39

— אָ, אַבסאָליוטער גיַיסט, מיר קניִען טיף
פאַר דיַינע היגע קאַמערדינער —
די שפּילפייגל מיט ליבע־בריוו
אין גרינעם שנאָבל. יוועלירער
פונעם וואָרט. נעשאָמיקער. קלעזמאָרים
און באַל־בעכיס, וואָס האָבן זיס
אַזוי געמאַכט דעם מיטאָג פון קייסאָרים
און די פּרינצעסנס צו די פיס
געלעגן קלוגערהייט, ווי אַלטע בעק,
אין גאַווערדיקער עקזאַלטאַציע...
איר, פייגעלעך פון אלע נאַציעס!
איר, טשיזשיקלעך אין שוואַרצע פּרעק!

40

— כאָטש קלאָר איז מיר דער גרויסער גיַיסט —
ער שלעפּט ארוף, וואָס ליגט דאָ אונטן;

א הוילער שפּיגל איז ער, וואָס באַווײַזט
די שטומע קויכעס פון די גרונטן.
ער איז א גרוס פון אָפּגעמעקטע וועגן.
ער איז אַן אַנזאָג. ער איז א רוף.
ער איז אַן עכאָ פון געשלעגן.
ער איז א כאַלעם פונעם גרויסן גוף.
ער טשאַדעט אין די גרויע ביבליאָטעקן
און פּלוידערט פינצטער, ווי אַן אַלטע קראָ...
פאַראַנען בלויז א הונדערט ווערק, וואָס וועקן
(אויף יידיש איז נאָך אזא בוך נישטאָ).

41

— און כ׳ווייס שוין גוט, אז טויזנט מאָל אומזיסט
האָט מען געגראַבלט זיך אין סאָד פון לעבן,
ווי הענער גראַבלען זיך אין מיסט.
עס האָבן גאָרנישט ניט געגעבן
די אַלע „קעפּ אין יעראָגליפן־מיצן״,
שטעלנדיק אין טונקל יעדן טראָט,
צאַמענדיק די שטורעמס און די בליצן,
כוץ — געטלעכקייט, און גאָט, און ווידער גאָט.
עס טליעט, ווי א הייליק לעמפּעלע באַנאַכט
אפער פון זײַנע שפּינגעוועבן,
אי דער געדאַנק, וואָס א פּראָפעסאָר טראַכט,
אי אײַער בליק, אי מײַן פאַרלאַנג צום לעבן.

42

— און איך בין קראַנק, מאַדעמואַזעל,
כ׳בין מאָדנע קראַנק, ווי דער יאָרהונדערט,
און כ׳האָב דאָך אויך אַמאָל אזוי פאַרוווּנדערט
א שפּרונג געטאָן פון טאַטנס שוועל!
געוואַגטקייט, יוגנט־ברויז און האָזע,
א ביסל בלאָק, א ביסל שאָפּענהויער,

קאבאַלע, פערעץ און שפּינאָזע,
און אויסגעוואָרצלטקייט, און טרויער, טרויער, טרויער.
און עפּעס וואַרט מען אַלע יאָרן —
באַלד וועט אַלץ פאַנאַנדערבליצן,
ביז די יוגנט איז פאַרבײַגעפאָרן,
און מיט גאָרנישט בלײַבט מען זיצן...

43

„דיקסי!״[1]. ס׳האָט מילד געשמייכלט ליולקעמאַן
און אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פון שטערן:
— אַ ביסל וואַלעריאַן!..
און ס׳האָט אַ שפּריץ געטאָן פון אים מיט טרערן,
ווי נאָך אַ רעגן פון אַ ווערבע באַ דעם וואַסער.
ער האָט געלייקנט. ער האָט פאַרניינט.
עס איז געזעסן באַם קאַמין אַ בלאַסער
טשײַלד־האַראָלד און גוט געוויינט.
דאָס פרײַלן האָט געשטאַרט דורך דעם לאָרנעט,
דאָס בייזע פייגעלע האָט אָנגעהויבן טרעלן:
— אָ, געטער! האָט אויך פון קאָרטן אַ וואַלעט
גענומען זינגען פונעם עלנט?!

44

אום האַלבער נאַכט. די שטוב איז שוין געשלאָפן,
געכאַלעמט מיט לעוואָנע־בליקן אַף די ווענט,
איז ליולקעמאַן די טרעפּ אַראָפּגעלאָפן
צעטומלט, און צעפּודלט, און פאַרקלעמט.
און דולערהייט מיט זײַנע פרײַנט דערנאָך
געשיקערט פינצטער ביז צעפאַלן ווערן,
מיט אײַנברעכער געניעכטיקט ערגעץ אין אַ לאָך,
און דינסטמיידלעך באַשלאָפן אין די סקווערן...

---

[1] אַלץ איז געזאָגט.

ס׳האָט דערן אַלץ געשפּריצט מיט אַפאָריזמען,
געטײַטשט העגעזיִאַסן[1]. פֿאַר די צוויי
טאַלמידים זײַנע... נאָר דעמאָלט איז מען
שוין געלעגן רויִק אין דער פּאָליציי.

[1] אַלטגריכישער פֿילאָסאָף, וואָס האָט געפּריידיקט זעלבסטמאָרד.

VI. פאנעם עט צירצענזעס[1]

45

וויוואט, אייראָפּע! פּאנעם עט
צירצענזעס. בלעף פון גוטע בלאָפער.
ס'איז אומעטיק דעם ארבעטער אין בעט,
עס שלעפערט אים באם קופל פּאצנהאָפּער[2], —
און ס'קלינגט אין כמורנעם הויף פון א פאבריק
א בלויע האק: מע בויט א בינע.
דאָ וועלן באָקסערס ברעכן דעם געניק,
און ס'פּאָלק וועט אָפּגרעפּצן די מארגארינע.
און סארא גלאנץ! מיט טעפּיכער געדעקט
דאָס בריקל. די סטעזשקעס — ריינע.
און ס'פלאקערן שטורקאצן, די מאסע שמעקט
מיט ברייטע נאָזלעכער דעם סוינע.

46

דערנאָך: מיט פויסטן לעדערנע אין רינג
די באָקסערס גראָבן זיך ווי אָקסן;
א רוק געטאָן זיך ווייך אזוי און פלינק,
און ס'קישעפּט שוין די אלגעברע פון באָקסן.

---

1 ברויט און פארוויילונג (לאטייניש).
2 ביר־פירמע.

נאָקאוט!.. א ליוב צו דער קולטור
פון שײנעם בענץ אין יענעמס שאַרבן.
עס כוואַליעט זיך מוסקולאַטור
אין שאָטנדיקע רעמבראַנדט־פאַרבן.
און סאַרא קלונג פון רוקנבײן!
ווי אָט די טעמפּע פלעמען פּלאַצן!
עס העשעט פינצטער דער האַמוין,
אין שײַן פון טונקעלע שטורקאַצן.

47

נאָקאוט!.. און ס׳הערט אַרום דער בינע
א שטוינענדיקע קופּע קעפּ,
ווי ס׳שטורכען אויס די האַרטע קלעפּ
מעלאָדיעס אף א פלײשיקער פּיאַנינע...
נאָר פלוצלינג — טונק! א קאַלטער קנאַק,
א פאַל. א זיפץ. און אָפּגעשטאָרבן
איז דער הויף. עס שטײט שוין עמעץ אין א פראַק
און טאַפּט דעם פּולס באַם שײנעם קאָרבן.
און ס׳פאַרפלען די שטורקאַצן, שײַנען בלאַסע
בלאַנדזען אומעטיק און וויסט.
ס׳האָט טשײַלד־האַראָלד געשריִען מיט דער מאַסע,
ער איז געווען א... סאָציאַליסט.

VII. דאָס צווייטע דײַטשלאַנד

48

פאַראַן א האס — געשליפענער קרישטאָל,
וואָס גליט, ווי א רובין, מיט בלוט און פּכאָדים...
באַנאַכט. די לעוואָנע פון קאַלטן שטאָל
באַשפּינט מיט א זילבערנעם פאָדעם
די קלויסטערס, די טפּיסעס, די שלעסער.
פאַראַן א האס אָן אן ענד, אָן א ברעג,
אָן אן אויסוועג... א פאַרבלוטיקטער מעסער
טוט פּלוצלינג א בליץ אין געשלעג
און פאַרשווינדט באַלד... א שאָס. פון טויער צו טויער
פּלאַקאַטן. אין דער פינצטער — א פאָן.
גרופּעס אַרבעטער. א האַלבער טויער.
אן אָפּגעבראָכענער באַלקאָן.

49

און שטיל איז אין די שמאָלע גאַסן,
קיין שאָרך ניט, קיין שאַשק ניט, קיין ריר:
מע הערט נאָר דעם אָטעם פון קלאַסן,
א שײַן פון פּראָזשעקטאָר באַם טיר.
א שטאָלענע אויג. בא דעם שײַן בא דעם מאַטן
טוט ווו זיך אַן עפן די נאַכט:
דאָ קלעפּט מען די לעצטע פּלאַקאַטן,

דאָ בײַט זיך אַן ארבעטער־וואך,
און צווישן די שײַנען, וואָס שטרײַפן
די פּלעצער אדורך און פארבײַ, —
אַן ארבעטער זיצט מיט א פּײַפע
אַף אַן איבערגעקערטן טראמוויי.

50

א שלאכט, אַף דער נעטלבעק־שטראסע
איז שופּאָ[1]. א לאסט־אויטאָ בלענדט.
אין כאשכעס — א ברודיקע מאסע
פון ביקסן, באפּעלן און הענט.
א לייטענאנט מיט א בינאָקל
פירט דעם טויט אַף א סיטראָיען[2].
— „גאס־פרײַ!‟ ס׳טוט די נאכט זיך א שאָקל.
— קאָלעגא! ס׳איז גאָרניט געשען,
די דרעק־לויטע ווילן ניט שטארבן...
— קאָלעגא! צי הערסטו ניט טריט?
נאָר ס׳טרעפט, אז א בלומען־טאָפּ פליט
און עפנט א כאזערשן שארבן.

51

און ס׳טרעפט: אין א ריי טוט א שאָט
פון דער פינצטער א שאָטן נאָך שאָטן;
געשטאלטן פון כוישעך געקנאָטן.
א זאלפּ. ס׳שטייט פארפלאָנטערט אין דראָט
דער מעגושעמער אויטאָ. א קלאָלע
שנײַדט דורכעט די נאכט, א געלאף פון די טרעפּ.
מיט די אייגענע בלוטיקע פּאָלעס
באדעקט די פארבלוטיקטע קעפּ —

---

1 שוץ־פּאָליציאנט.
2 אווטאָמאָביל־פירמע.

שרײַען „גרינע"... א שטילקײַט ביז גאָר איז
דערנאָך, אפֿן הימל — דער גרויסער בער,
אף דר'ערד — א בינאָקל, א רעוואָלווער,
א ביסל בלוט... און ווײַטער גאָרנישט.

52

עס טאָגט. דעם קאָפּ אין די מאָגערע קני,
ליגט שולצע פארשטעקט אין די הויפּן,
א קויל פליט אים דורך אין די שלייפן —
פון דער אייגענער אינדוסטרי.
עס טאָגט. באם ציגארעטן־לאדן
שטייט הײַנצע און טאפט דעם שלאָס:
— אויב פאלן אף די באריקאדן,
איז פארן דויטשן פאפּיראָס.
עס טאָגט. אף דער פּראָמענאדע
א שיקער פייגעלע קניט:
— דער טאטע — אף דער באריקאדע,
א ברודער — אין מאָאביט.

53

עס טאָגט. ווערדינג שאריַעט אין שרעק,
ווערדינג בלוטיקט אין שארן באגינען,
ווי ס'בלוטיקט א כײַע באם ברעג
פון א וואלד. כאלוימעס פארינען
ווי וואסערן. יונגען ליגן
די בלוטיקע לאפּע אין מויל:
— וואָס ס'איז איצטער — איז גרויל,
און וואָס ס'איז געווען — איז א ליגן!
עס טאָגט, דורך א ראָזעוון שטויב
רינען מאטעווע, קאלטע קאָלירן,
א דינער אָראנזש אף די טירן,
און בלוי — ווי ס'איז גאנץ נאָר א שויב.

54

דערנאָך האָט די זון אָפּגעוואַשן
די גרויע געזיכטער פון גרויל,
און יונגען — די הענט אין די טאַשן,
און די פּאַפּירעסלעך אין מויל,
געלאַכט האָבן זיי אַף די סקווערן,
און בא דעם קאָמיטעט:
— וויר וואָלן דעם דרעק אויסקערן
פון אַלע דײַטשישע שטעט...
און פענער, און בענדער, און שלייפן
געווייט האָבן רויט און ווײַט;
געזונגען האָט מען אַף די הויפן
פון גרויסן קלאַסן־שטרײַט.

55

און באַטאָג... ס׳גייט א בייזער געזאַנג
פון די קעלערס, מאַנסאַרדעס און דעכער.
בלויז טריט. בלויז באַוועגונג. בלויז גאַנג.
א מיליאָן האָט געפּלייצט פון די לעכער.
געפּלאַטערט אין רויט. אויסגעבויגן
אַף גאַסן און פּלעצער. פאָן נאָך פאָן.
בלויז אָטעם. בלויז סינע. בלויז אויגן.
א קאַלטער, א גרויער מיליאָן.
די טירן — פאַרהאַקט. אויסגעליידיקט
די הויפן. א ווינט האָט געגרויזט.
א מיליאָן איז געשטאַנען אין ווערדינג —
א גראָבער, פאַרבראָכענער פויסט.

56

— ווער בײַט די וואָך אין מאָאַביטער טפיסע?
סטינעס, קרופּ און טיסען...

מיר הערן טאָג ווי נאכט די שווערע טריט
פון דיינע וועכטער, מאָאביט, אָ, מאָאביט...
פראנקרייך האָט א גוטן שטאָל,
בעלגיע — קאָקס, און דייטשלאנד — קוילן,
די פּראָלעטאריער זיינען אלעמאָל
דער אָקס צום קוילן.
די אלטע טפיסעס האָבן אונדז געשלונגען,
ווי דו, אָ, פּאָטערלאנד, ביסט גרויס,
נייקעלן האָט פון האס געזונגען,
און וועדינג איז צום טויט ארויס!

57

און פּלוצלינג — א שטילקייט ביז שרעק.
אפן האָריקן בויך ליגט דער צאָרן,
אין גלאנץ פון פארהויבענע העק —
די שטאָט איז אנשוויגן געוואָרן.
סארא גרויזאמע שיינקייט... א וואלד,
ווען א שטורעם צעעפנט אים טיפער,
עס קריצט אין אים שוידערלעך־קאלט
און שרייבט מיט א פּאָספּאָרנעם שיפער
א בליץ נאָך א בליץ... ס׳איז איצט יעדע האווייע
פארשטיינערט ווי באם לאאָקאָאָן...
א פארגליווערטער שפרונג פון א כייע,
א קאלטער, א גרויער מיליאָן.

58

עס האָט אף אלעקסאנדער־פּלאץ געשיינט,
געקוקט האָבן קלוג אף דער מאסע:
ראָס בלאָנדע פייגעלע פון טאונציען־שטראסע,
און אלע אירע זיסע פריינט.
ס׳איז דערן — דער פילאָסאָף פון קאפע,

געפּודערט ווי א באַלערינע,
אבאָ און ליולקעמאַן — אין רעקעלעך בעבע
און שניפּסן דאפקע גרינע.
דאָס פייגעלע — אף דערנען אָנגעבויגן
איז שלאנק און איז רירעוודיק שיין;
דאָס מײַלכל איז בלוטיק און קליין,
און העלע פּײַלכעלעך — די אויגן.

59

„סע שארמאן!..” די דעמאָנסטראציע
אף מײַלן בערלינער פארדרייט,
ס׳ליגט אין בלוטיקע העלפטן די נאציע,
און ס׳צווייטע דײַטשלאנד גייט:
אין היטלען, אין ברוינעם מאנטשעסטער,
פּארפּאליעט, ניט געגאָלט,
אָן קלויסטערס, אָן טפיסעס, אָן שלעסער,
אָן רענטעס, אָן טשעקס, אָן גאָלד.
ס׳גייט דער שלאָסער פון עמיל הענינג[1],
ס׳גייט דער הייצער פון א. ע. גע.
און קיינער פארמאָגט ניט קיין פעניג
און קיין רעקעלעך בעבע.

60

ניט סאמעט, ניט זײַדענע וועש,
עס כוואליעט זיך קאָרט און מאנטשעסטער,
און ס׳כליופּעט פון יעדן אָרקעסטער
דער הייסער, צעיושעטער מעש.
דער פּויק, ווי א בער אין א נאָרע,
די טעלער — בלויז שרײַיקער האס,

---

[1] דײַטשישער אינדוסטריִעלער.

און ס׳גיסט זיך א ברייטע און קלאָרע
די לאנגזאמע סינע פון באס.
און פּלוצלינג — א שטילקייט ביז גרויל.
א זאלפּ. א באפעל. מענטשן ליגן.
ס׳האָט א שטראָם געטאָן בלוט פון א מויל...
דער טויט. א מיליאָן האָט געשוויגן.

61

באנאכט. אין א װעדינגער שענק
פיר דינע סילועטן,
צעזעצט אף דעמבענע בענק —
אין שניפּסן און מאנזשעטן.
זאָגט טשײַלד־האראָלד: געגאָסן,
דער מענטש איז אייביק גוט,
דער מענטש האָט בלוט פארגאָסן
און װעט פארגיסן בלוט.
איז טרינקט נאָר, לאָמיר טרינקען
און זאָגן שטילערהייט:
דער מענטש כאפּט אונטערשטינקען,
נאָך איידער ער איז טויט.

62

באנאכט. אף די סקווערן און ראָגן
א דעמאָנסטראציע זאלבעפערט:
— אייראָפּע, אייראָפּע, מיר טראָגן
פאר דיר א גרויסע שווערד.
אף געלעגערס ניט פארבעטע
דו זינדיקסט — אלטער סדאָם!
אראָפּ מיט בעטהאָווען און געטע
און מיט דעם קעלנער דאָם![1]

[1] א בארימטער קאטעדראל אין קעלן.

די ווײַטע הימלען גרויען,
מיר ווערן גרוי פֿון דעם;
מיר — לעצטע וועלף, וואָס וואָיען
אין די כורוועס פֿון א סיסטעם.

וועגן מוישע קולבאקס דיכטונג

מוישע קולבאק האָט געהערט צו די באדײַטנדיקסטע און אייגנארטיקסטע דיכטערישע פערזענלעכקײַטן אין דער יִדישער נאָכאָקטיאבערדיקער ליטעראטור, צו אירע פּיִאָנערן און גרונטלייגער. אין קולבאקס טאלאנט האָבן זיך אָרגאניש פארייניקט א נאטירלעך דעמאָקראטישע וועלט־אָנשויונג מיט א גרינטלעך און ברייט פארייגנטער קולטור אין אירע טיף־נאציאָנאלע און אלגעמיין־מענטשלעכע אייגנשאפטן און פאָרמעס.

מוישע קולבאקס פסיכאָלאָגיש־שעפערישן פּאָרטרעט האָט עפשער אמבעסטן פארצייכנט שמועל האלקין: „אין די באציִונגען מיט אים איז שווער געווען צו באשטימען, וואָס עס איז אין אים מערער — דינע דורכדרינגלעכקײַט צי גראָבע זעלמעניאנער פאשטעס, וואָס מערער לויכט זיך אין אים — שפּילעוודיקער גלאנץ פון דימענט אָדער דאָס פײַער פון דער לוטשינע. איך וואָלט געזאָגט, אז בא דער שײַן פון דער לוטשינע האָט ער געשליפן זײַן דימענט".

געבוירן געוואָרן איז מוישע קולבאק דעם 20 מארט 1896 אין דער ווײַסרוסישער שטאָט סמאָרגאָן, וואָס איז קוידעמקאָל געווען בארימט אין דער וועלט מיט אירע גארבארניעס. אין XVII יאָרהונדערט האָט דאָ דער פירשט ראדזיוויל געגרינדעט די אזויגערופענע „בערן־אקאדעמיע": אויסגעדרעסירטע סמאָרגאָנער בערן פלעגן דעמאָנסטרירן זייער „קונסט" אזש אף די מערק פון דײַטשלאנד און אונגארן. א ווײַטן אָפּקלאנג פון יענע אויסטערלישע סמאָרגאָנער באשעפטיקונגען געפינען מיר בא קולבאקן אין דער ליד „אסאָרע דיבראיע", וועגן דעם זיידנס א קאָרעוו, „א טרײַבער פון בערן; א ייִד, וואָס פלעגט מאכן קאָנצערט אף די גרויסע יארידן".

בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען די צארישע רעגירונג האָט דעפּאָר־

טירט אָף מיזרעך די ייִדישע באַפעלקערונג פון די גרענעץ־ראַיאָנען, איז קולבאַק מיט זײַנע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין מינסק, ווו ער הייבט אָן געבן פּריוואַטע „שטונדן".

זײַן ערשטע ליד „שטערנדל, שטערנדל, בלוי שטאַפּעטעלע..." האָט קולבאַק פאַרעפנטלעכט אין 1916 אין די ווילנער „ליטעראַרישע מאָנאַט־העפטן". קולבאַקס ערשטע לידער־זאַמלונג „שירים" איז אַרויס אין 1920 אין ווילנע. אָף דעם דיכטערס אָנפאַנגלעכן שאַפונגס־עטאַפּ ליגט דער צייכן פון דער יענצײַטיקער פּראָווינציעל־סענטימענטאַלער ייִדישער ליריק. אין „שירים" לייענען מיר, צום בײַשפּיל, שורעס וועגן אַ לעוואָנע־נאַכט, וואָס שלײַכט „אָף פאַרכאָלעמטע מײַלן", וועגן דער „בלאַסער לעוואָנע", וואָס „וועט פאַרשטילן אונדזערעליידן", און וועגן אַן „אָוונט־בלויער" שאָ, ווען עס דאַכט זיך, אַז „ס'איז די וועלט פאַראַן און ס'איז די וועלט ניטאָ".

אָבער גאָר אינגיכן קומט דעם דיכטערס אינווייניקסטע באַפרײַונג פון אָט דעם קליינשטעטלדיקן מאָדערניזם, און קולבאַקס געזונטער לעבנס־כּוש דיקטירט אים דאָס אויסגעצייכנטע ליד „צווישן פעלדער", ווו אַלץ, ביזן לעצטן קלאַנג און וואָרט, איז פריידיק־אומדערוואַרטע אַנטדעקונג פון אַ רעאַלער, פון אַן איין־און־איינציקער וועלט, באַוווּנדערונג פאַר איר שיינקײַט, האַרציקער ליב איר האַרמאָניע און אַשירעס:

סאַראַ הייליקער באַגינען!
ראָז און ראָז,
און מער ניט לאָז
סײַ די שוואַרצערד, סײַ דאָס גראָז,
פאַלסטו צו צו רויער ערד;
ווערסט פאַרשיקערט פונעם מיסט,
פונעם זאַפט, וואָס פליסט
און יערט,
און שרײַסט אויס
פון גאַנצער ברוסט:
„ס'איז אַ וועלט אַזאַ פאַראַן,
און איך, דער נאַר, האָב ניט געוווּסט!.."

און אָט וואָס עס איז קעדײַ צו באַמערקן: קולבאַק עפנט פאַר זיך די רײַכקײַט פון דער אַרומיקער וועלט צוזאַמען, גלײַכצײַטיק מיט אירע סאָציאַלע ווידער־

שפּרוכן... דעם דיכטער מאַכט זיך אונטערוועגנס אַן אַלטינקער פּויער, און צווישן זיי קומט פֿאָר אַ שמועס: „טשי טשויעש, מאַנילאַ, זיי עסן קעסיידער, און מיר — איך און דו — דאַרפֿן בענטשן...״ זיי — די באַלעבאַטים פֿון לעבן, וואָס „פּוצן די שטיוול און טראָגן די שניפּסלעך...״

אין מינסק האָט קולבאַק באַגעגנט די יעדיע וועגן דעם זיג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דער דיכטער האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דער אַלוועלטלעך־היסטאָרישער געשעעניש מיט דער פּאָעמע „שטאָט״ (1919), וואָס האָט געמאַכט זײַן נאָמען ביז גאָר פּאָפּולער בײַ די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד, באַזונדערס בײַ דער יוגנט. בעשאַס די אָפּטע אין יענער צײַט רעוואָליוציאָנערע פֿײַערלעכקײַטן, אויף אָוונטן און פֿאַרזאַמלונגען האָט מען געקענט הערן קולבאַקס „שטאָט״, דאָס פּאַטעטישע געזאַנג לעקאָוועד די אויפֿגעוואַכטע אין אָקטיאַבער פֿאַרבאָרגענע לעבנס־קויכעס, וואָס האָבן זיך געטאָן אַ האַסטיקן ריס צו ניט־געזעענע האָריזאָנטן און ברעגן, דאָס הימנאַרטיקע ליד פֿון די „בראָנזענע יונגען״ מיט „זון אין געמיט״, וואָס צעפּראַלן „די טירן פֿון ווײַט״, „שמידן די וואָר״ און „זוכן די שלאַכט״ פֿאַר נײַע מענטשלעכע אידעאַלן. לויט זײַן לעבנס־באַשטעטנדיקן פּאַטאָס און ברויזנדיק־דערהויבענעם סטיל שטייט קולבאַקס פֿראַגמענט וועגן די „בראָנזענע יונגען״ אין איין ריי מיט אַזעלכע ראָמאַנטישע ווערק פֿון דער אָקאָרשט געבוירענער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, ווי שוואַרצמאַנס „אויפֿשטאַנד״, האָפּשטיינס „פּראָצעסיע״ און „אָקטאָבער״, קושניראָווס „ראָסייאַ״ און „וועגנט״.

אין קולבאַקס פֿריִער שאַפֿונג וועלן זיך ניט איין מאָל באַווײַזן די מאָנומענטאַל־פּאַראַלגעמיינערטע געשטאַלטן פֿון דעם רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד און זײַנע מעסירעסנעפּעשדיקע זין, וועלכע טראָגן דער גאָרער מענטשלעכער וועלט די האָפֿענונג אויף אַ בעסערער צוקונפֿט. „אַ ריז אַ פֿאַרבלוטיקטער טראָגט אונדז אַצינד זײַנע גילדענע לוכעס!.. איין־איינציקע רוסלאַנד, די ליכטיקע וויג פֿון באַפֿרײַונג, זאָל פֿאַלן אויף גרויע רויִנען דײַן שטראַלנדע זון פֿון באַנײַונג!״ — ס׳איז פֿון אַ ליד, וואָס הייסט „צום בריסקער שאָלעם״.

אין סאַמע אָנהייב פֿון די צוואַנציקער יאָרן קומט פֿאָר מיט קולבאַקן פֿאָלגנדעס: אַ קאָמאַנדירטן דורך די ערשט אויפֿגעקומענע אין ווײַסרוסלאַנד קולטור־אַנשטאַלטן קיין ווילנע, פֿאַרהאַלט אים דאָ די ווײַספּוילישע אָקופּאַציע פֿון דער ליטווישער הויפּטשטאָט. אין 1920 פֿאָרט דער דיכטער קיין בערלין, ווו ער איז בעדייע אָנקומען אין אוניווערסיטעט, אָבער ער ווערט ניט אָנגענומען און איז געצוווּנגען זיך אָנדינגען אויף אַרבעט פֿריִער אַלס אַ געפֿעס־וואַשער אין רעסטאָראַנען, שפּעטער אַלס אַ סופֿליאָר אין דער „ווילנער טרופּע״, וואָס גאַסטראָלירט צו יענער

צײַט אין דײַטשלאַנד. אין 1923 קערט קולבאַק זיך אום קיין ווילנע, ווו ער אַר־בעט אַלס לערער.

וועגן די שווערע יעסורים, וואָס קולבאַק האָט געהאַט אויסצושטיין אין ווילנע און אין בערלין, דערציילן אַמבעסטן זײַנע דעמלט געשריבענע לידער. „הונגער", לעמאָשל: „הונגער, עך, דו דאַרע קליאַטשע, לייגסט דײַן קאָפּ אויף מיר אַנידער..." אָדער אין אַ צווייטער ליד: „האָסטו ברויט?" ער האָט געענטפערט שטילערהייט: „אָ, לײַדער, לײַדער, איצטער ניט..." — „האָסטו קליידער?.." — „די הויזן מײַנע זעט מען ניט, אַ מאַנטל לײַ איך בײַ אַ פרײַנט..."

און נאָך שווערער, ווי די מאַטעריעלע דאַכקעס און נויט, האָט אויף קולבאַקן, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרזוכט די לופט פון אַ סאָציאַל באַנײַטער וועלט, גע־דריקט די אַטמאָספער פון דער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, פונעם בורזשואַזן לעבנס־סײַדער ביכלאַל.

קולבאַק איז געווען צווישן די ערשטע פּאָעטן, וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער דיכטונג די אורבאַניסטישע טעמע, דעם גרויסשטאָט־מאָטיוו. און מער: קולבאַק איז געווען צווישן די ערשטע ייִדישע דיכטער, וואָס האָבן געפּרוּווט (און ניט אָן דער האַשפּאָע פון דער אייראָפּעיִשער פּאָעזיע) באַזינגען די טעמע ציוויליזאַציע און קולטור אין איר אַלוועלטלעך־אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב:

מיר האָבן עלעקטרישע זונען באַגאָסן מיט גלײַ־ווײַסע שטראַלן,
כ׳פאַרנעם, ווי עס סוידען זיך דראָטן אויף טויזנטער הילכיקע מײַלן,
ס׳רעדט מעכטיק אַ לאַנד צו אַ לאַנד,
בײַ ווילדע וואָקזאַלן —
אַכסאַניעס פון פעלקער, וואָס טראָגן זיך ערגעץ און אײַלן זיך, אײַלן...

קולבאַק האָט ניט געטיילט די אויסזיכטלאָזיקײַט־געפילן פון יענע, וואָס האָבן אײַנגעזען אין די אומגעהייערע טעכניק־דערגרייכונגען אין XX יאָרהונדערט בלויז אַ בייזע אָנשיקעניש אויף דער „פּאַטריאַרכאַל־נאַיִווער" מענטשהײַט. פאַר קולבאַקן איז געווען אינגאַנצן קלאָר די היסטאָרישע אומפאַרמײַדלעכקײַט פונעם מאַשינען־פּראָגרעס. גלײַך דערמיט האָט ער געזען זײַן אינערלעך־סטירעסדיקן, כאַאָטיש־בלינדן כאַראַקטער אין די באַדינגונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, און די דאָזיקע צווייפּענעמדיקײַט פון דער טעכניק־קולטור גיט איבער דעם דיכטערס לעקסיק, וועלכע איז אויך צווייִדײַטיק און לייקנט, רימענדיק (ווערכאַרנס אָדער בריוסאָווס אָן אינטאָנאַציע): „עס ברומט פון די סאָפּענדע קעסלען דער כאַאָס דער גרויער", „אין דער פינצטער צערעווען זיך שטעט", „עס קלינגט די שטאָט אין

שווערער שטראָמיקייט, עס ברומט די שטיינער־שטים אין יאָך פון שטאָל״ אאוו.

דעם „ווילנער״ און דעם „בערלינער״ קולבאקן האָט שטארק געקימערט דער טראַגישער גוירל פון דער פּערזענלעכקייט, אָן אכזאָריעסדיק געריוובטער פון דער בורזשואזער טעכניק־ציוויליזאציע. „רעדער... רעדער... רויך און פונקען... און אין כוישעכניש פארטרונקען, הערצער ווערן מיד פארלאָשן...״ ס׳איז פונעם ליד „אין פאבריק״, ווו עס ווערט דירעקט געשילדערט אן ארבעטער בא דער מאשין. אָבער קולבאק גייט ווײַטער, און אָט לייענען מיר בא אים ביטערע שורעס וועגן דעם מענטשן ביכלאל, וואָס האָט די אנטיהומאַנישע לעבנס־אומשטענדן „דעם מענטש פון זיך אָפּגעשאָבן״ און „פארבליבן אליין״ און „אויסגעקערט זײַן פעל און געטאָן אף זיך א שפּײַ...״

די „בראָנזענע יונגען״ באם „מינסקער״ קולבאקן האָבן דעקלארירט א סאָציאַל־דינאמישן, א רעוואָליוציאָנערן אויסוועג פון די אנטימענטשלעכע לעבנס־באדינגונגען. דער „ווילנער״ קולבאק ווענדט זיך שוין ניט צו דער אידיי פון א רעוואָ־ליוציאָנערן איבערראנדערשן די וועלט. און אויב ער ווענדט זיך יאָ, איז גיכער מיט א פּאָלעמישער קאוואָנע — ניט בענעגייע דער אידיי גופע א פּאָלעמישער, נאָר בענעגייע די, וואָס דערשאצן ניט איר קאָמפּליצירטקייט, איר ערנסטקייט און פּרובירן זי פּארווירקלעכן אף א לײַכטזיניק־דילעטאנטישן אופן. אזוי איז אנט־שטאנען די פּאָעמע „בוניע און בערע אפן שליאך״ — איינס פון די בעסטע, שארפּ־זיניקסטע און קינסטלעריש פּרײַסטע ווערק בא קולבאקן.

די העלדן פון דער פּאָעמע — צוויי לעפּישע גראָטעסק־פיגורן, צוויי טאמעוואטע יונגען, וואָס האָבן זיך געלאָזן „מיט פּיסטוילן אין די הענט און מיט מעסערס אין כאליאווע״ ניט מער און ניט ווייניקער ווי „אײַנעמען די וועלט״, אויסלייזן זי פון אומרעכט, „דעם יאָך אראָפּווארפן, די קייטן און די אנדערע שאלמייזן״. קולבאקס באציִונג צו זײַנע „גראָבע יידן קוטשעראווע״, צו זייער דאָן־קיכאָטישן „בונט״ איז א דורכויס איראָנישע. און דער געשלעג, וואָס ברעכט אויס צווישן זיי און דעם קרעטשמער, דעם ערשטן „בורזשוי״, וואָס זיי טרעפן אפן וועג, איז אן אויסגעשפּראָכענע פּאראָדיע, און ניט אפן קלאסנקאמף, פארשטייט זיך, — אף יענע פּרימיטיווע פּאָרשטעלונגען וועגן קלאסנקאמף, מיט וועלכע זיי, בוניע און בערע, גייען אראָפּנעמען פון דער וועלט איר „קאלאמוטנעם טרויער״. אויך די סאָציאַלע טרוימען פון אונדזערע „קעמפער״ קלינגען פּאראָדיש צוליב זייער אויסגעדראָשע־נער „שיינער״ אוטאָפּישקייט: „ס׳וועט שלאָפן גראם א לעמפערט מיט א קו און ס׳וועט א קינד זיך שפּילן מיט זיי ביידן...״ קורץ, אין דער פּאָעמע „בוניע און בערע אפן שליאך״ האָט קולבאק ניט בייז, ניט סארקאסטיש אויסגעלאכט די טענ־

דענק צו פראָפאנירן, וואָליונטאריסטיש פארקריפּלען יענע רעוואָליוציאָנערע וועלט־אידייען, וואָס האָבן אים, דעם דיכטער, שטורמיש פארכאפּט אין זײַן פריִער יוגנט און וואָס וועלן זיך אומקערן צו אים שפּעטער, ווען ער וועט נאָך לאנגע וואָגלענישן טאָן אן אנטשיידענעם קער צו ווירקלעכע, צו רעאלע פּראָצעסן פון לעבנס־איבערבוי און וועלט־באנײַונג.

דערווײַל אין ווילנע, אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן, שאפט קולבאק א רײַ פּאָעמען, ווו דער ניכטער־„זאכלעכער" בורזשואזער טאָגטעגלעכקײַט און פּראָזע ווערט קעגנגעשטעלט די גײַסטרײַכע פּערזענלעכקײַט, די זוכערן פון העכערע עמעסן. צומאָל איז עס אן עפּיזאָדיש, א פארבײַלויפנדיק געשטאלט, גענומען אף א רעליעף און אײדל אויסגעמאָלטן פּאָן פון דער מיטלאלטערלעכער שטאָט, ווי, צום בײַשפּיל, דער געפּראָרענער וואסערטרעגער, וואָס אף דער אלטער שול, „דאָס בערדעלע פארקאשערט — שטייט און ציילט די שטערן" (פּאָעמע „ווילנע").

קולבאקס עמעס־זוכער און טרוימער זײַנען דאָסראָוו באלמעלאָכעס, פּאָשעטע אמכאָ־לײַט „מיט ביינער שמאָלע, הארטע, אויסגעשליפענע פון מי". אזא איז שמועל־איצע דער קוימענקערער אין דער פּאָעמע „לאמעד־וואָוו", „אן עוויען א פארהונגערטער פון רײַסן", וואָס האָט א גאנצן לעבן „געליטן שטומערהייט" און וויל ניט און קאָן ניט מער. אָט גייט ער ארויס „אף פארוואקסענע שליאכן, פאר־שיקערט פון רייכעס פון קרײַטעכער־זאפטן אין בלוי" (דער וועג — קולבאקס א באליבטער מאָטיוו), און עס שטעלט אים אָפּ א שטים פון א „ברונעם אין דער פינצטער". ס'איז סאמאָעל, דער „שעם פון פײַן", פון כוישעך און בראָך. שמועל־איצעס דאָרשטיקער גלויבן, זײַן וועלן געפינען „פאר זיך און פאר אלעמען אָטעם א ביסל און פליגלען צום שוועבן" קומען אין א צוזאמענשטויס מיט סאמאָעלס ציניש אומגלויבן, מיט דעם אלוועלטלעכן בייז, וואָס איז פארקערפּערט אין אים.

„לאמעד־וואָוו" איז א מיסטיפיצירט, אן איבעריקס פארטונקלט ווערק, נאָר אויך דאָ לאָזן זיך מערקן אייניקע טיפּישע פאר דער בורזשואזער געזעלשאפט רעאלע לעבנס־קאָנפליקטן. אזא מין, צום בײַשפּיל, אינהאלטסרײַכע אײנצלהײַט:

דער אשמעדײַ, דער גײַסט פון אלדאָס שלעכטס איז גלײַכצײַטיק דער הערשער איבער די ערד־אויצרעס, דער „עלנטער באשליטע אף די גרונטן", וואָס „נישטערט אין דער פינצטערניש און גראָבט זיך מיט די הענט", קעדיי „דערגראָבן זיך צום קוואל פון טרערן". דער טײַוול איז אזויארום פארבונדן מיט געשעפט, מיט דער בורזשואזער אונטערנעמערײַ און ביכלאל מיט דער בורזשואזער מאטעריעלער

פראקטיק, וואָס איז פינצטער און רויבעריש־אגרעסיוו לעגאבע דעם מענטשן און דער פרײַער נאטור.

ביז צו א סימבאָל־מאדרייגע, ביז צו דער הייך פון א מיטאָס דערהייבט דער פּאָעט דעם הויפּט־פּערסאָנאזש אין דער פּאָעמע „יאָסטע דער שמיד", וואָס „שטייט מיטן האמער איבער דער קאָוואדלע און שמידט אײַזנס, פּאָדקעוועס און רעדער". ס'איז בעעמעס א מיטאָלאָגישער העלד, א מין שטעטלדיקער העפעסט (דער אלט־גריכישער גאָט פון פײַער, דער שטיצער פון שמידערײַ). קולבאק פּאָעטיזירט — און עטוואָס איבערגעטריבן — באם נוצן „ווולקאנישע" לײַדנשאפטן און פארבן — יאָסטעס מענטשלעכע גאנצקײַט, וואָס קומט פון זײַן אָרגאנישער נאָענטקײַט צו דער נאטור, צו אירע מעכטיקע אימפּולסן און גרונט־עלעמענטן, נאָר ניט קיין אונטערגעוואָרפענע דער בורזשואזער אייגנטום־דיקטאטור.

א לײַבלעכער קאָרעוו אָט די האמוינישע פּערסאָנאזשן, האָט מוישע קולבאק אקטיוו אָפּגעהיט גופע אין זיך דעם דאָזיקן פּאנטעיִסטישן נאטור־געפיל און מיט גרויס אופמערקזאמקײַט זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רופן. „ס'איז א גרענעץ מײַן איך צווישן וועלדער און שטעט" — אן אווטאָכאראקטעריסטיק, וואָס נעמט אין זיך ארײַן סײַ קלאָרן פארשטאנד פון אינדוסטריִעלער אנטוויקלונג, סײַ אכרײַעס פאר דער נאטור, וואָס דארף ניט, וואָס טאָר ניט אונטערגיין. „כ'בין זון, כ'בין טוי. כ'גיי אום א דעמב אין פּראק" — אן ארויסרופּערישער זשעסט, געווענדט קעגן די, וואָס „פּוצן די שטיוול און טראָגן די שניפּסלעך". טיילמאָל, אין די שווערסטע מינוטן פון פארצווייפלונג און ייִעש, פלעגט דער פּאָעט אָנקומען צו די בױאָלאָגיש־נידעריקסטע נאטור־שטאפּלען, אפילו צום כײַיִשן, און ווידעראמאָל צוליב דעם, עס זאָלן זיך וואָס שארפער און קאָמפּראָמיסלאָזער ארויסריידן זײַן הײמלאָזי־קײַט און געיאָגטקײַט: „כ'האָב... א הונגער, וואָס צוקט פון געביין; כ'האָב... א קנאָכיקן הארטן גענייק", „א וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקײַט טראָגט די גאל אין די ציין" („וועלפישע לידער", 1920).

אין דעם זעלבן צוואנציקסטן יאָר, שוין אין בערלין, שרײַבט קולבאק זײַן פּאָעמע „רײַסן", ווו דער פּאָעט גייט נאָך (איך ציטיר דעם באוווסטן ליטעראטור־היסטאָריקער מאקס עריק) „א געוויסן געזעץ אין דער ייִדישער ליטעראטור־געשיכטע: דאָס געזעץ פון אומקוקן זיך צוריק, פון שאפן קלאסישע ווערטן דורך מאציייוועס, געשטעלט אפן אָוואר". אין „רײַסן" טרעט פאר אונדז קולבאק ארויס אן אומצערײַסבאר באהעפטעטער מיט א ייִדיש־פּויערישן שייוועט ערד־ארבעטער, פאסטעכער, וואלד־העקער, פּליטאָהאָנעס, א בלוטיק אָנגעהעריקער צו זייער גע־זונטן שטאם. אין „רײַסן" האָט זיך באזונדערס פארגעדענקט דאָס פּולקאָם רעאַ־ליסטישע, פּאָלקסטימלעכע געשטאלט פון פעטער איצע דעם שנײַדער, וואָס „מאכט

די אלטע סערמיעגנעס פונקט, ווי שפּאָגל־נײַ״, און וואנדערט פון דאָרף צו דאָרף, „ביז ער לאָזט ארויס פון האנט דעם געגנט א באנייטן...״ גראדע אין אים, אין איצען, פילט זיך אמבעסטן יענע פראָסטע, אינטימע באציִונג פון דיכטער צום פּער־סאָנאזש, וואָס איז ניט שטענדיק פאראן אין יאָסטע דעם שמיד אָדער אין די אנדערע פּעטערס אין „רײַסן״, צײַטנווײַז איבערגעלאָדענע מיט א נאטוראליסטיש־„פרימיטיווער״ עקזאָטיק.

אין 1928 יאָר פּאָרט אריבער קולבאק אין ראטנפארבאנד, קיין מינסק. דאָ, ווי עס באהויפּטעט מיט רעכט ארן ווערגעליס („סאָוועטיש היימלאנד״, 1971, נומ. 3), שאפט דער שרײַבער „דאָס מאמאָשעסדיקע, וואָס אים איז באשערט געווען איבער־לאָזן אין דער ליטעראטור״.

דאָס געשאפענע פון קולבאקן אין די יאָרן 1928 — 1937 שיידט זיך אונטער זייער מערקבאר פונעם געשריבענעם פריִער, אין די שווערע וואָגל־יאָרן:

וואָקזאלן. אכסאניעס און זינגענדע באנען,
און אומעטום איז עטוואָס גליק פאראנען...
אין אָוונטן, אין אָוונטן, אין אָוונטן פון לידער.
און כ׳ווער אליין א ליד, און יאמבן — מײַנע גלידער.
אָ, אָוונטן. איר אָוונטן. און אָוונטן פון פײַער.
איך ווער אין אײַך פארברענט.
פארוואָס זײַט איר מיר טײַער?..

פון אזוינע ליכטיקע, אָפּטימיסטישע שטימונגען, פון אזא מין געזעלשאפטלעך־סאָציאלן באפרידיקונגס־געפיל האָט דער ביז־סאָוועטישער קולבאק ניט גע־ווּוּסט.

אין 1933 דערשײַנט קולבאקס פּאָעמע „דיסנער טשײַלד־האראָלד״. עס איז ניט שווער צו באמערקן, אז אין גרונט פון דער פּאָעמע ליגן דעם דיכטערס יוגנטלעכע בערלינער אײַנדרוקן, אלץ, וואָס האָט זיך אים פארקריצט אין זיקאָרן פון יענע צײַטן.

אין דער ייִדישער דיכטונג איז ניטאָ קיין צווייט ווערק, וואָס זאָל מיט אזא פּרעציִעזער געניקײַט און בוילעטקײַט רעפּראָדוצירן א פרעמדע נאציאָנאלע ווירק־לעכקײַט, ווי עס איז געלונגען קולבאקן אין באצוג צו דײַטשלאנד פון אָנהייב די צוואנציקער יאָרן.

דאָס צענטראלע געשטאלט אין דער פּאָעמע איז א נײַנצניאָריקער באָכער שמו־ליק ליולקעמאן, וואָס לאָזט זיך פון א ווײַסרוסיש־ייִדישן שטעטל „שטודירן קיין

איירָאָפּע". ס'איז אין א היפּשער מאָס אן אווטאָביאָגראַפיש געשטאלט. אָבער דער הײַנטיקער קולבאק זעט זיך דעם דעמלטיקן אין דער שײַן פון א שארפער אידײ־ישער זעלבסטקריטיק, און עס ווערט שוין א קינסטלעריש טיפּיזירט געשטאלט פון א דיסנער אָדער נאראָווליער סקעפּטיקער־קאָסמאָפּאָליט, וואָס כאָוועט מיט שטאָלץ זײַן „גרויסן ווידערשפּרוך צו זיך, צום בוך און צו דער וועלט" און שלינגט מיט א נײַגער דאָס „לעצטע וואָרט" פון דער דעגראַדירנדער בורזשואזער קולטור. קולבאק אקצענטירט די סאָציאלע אויסגעוואָרצלטקײַט פון זײַן העלד, וואָס איז „געגליכן צו א לופט־באלאָן, פון לאנגן פאָדעם אָפּגעריסן". עפּשער צום ערשטן מאָל אין זײַנע פּאָעמעס האָט קולבאק אזוי אָרגאניש ארײַנגעמאָנטירט זײַן העלד אין א סאָציאל קאָנקרעטער און היסטאָריש באדינגטער ווירקלעכקײַט.

ס'איז דײַטשלאנד נאָך איר שווערער מאַפּאָלע אינעם וועלט־קריג, דײַטשלאנד פאר דער ווײַמארער רעפּובליק, ווו דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אויבנאָן האָבן פארכאַפּט די אלמעכטיקע אינדוסטרי־באָנזען: „הער טיסען האָט די פּאָליצײַ, און רײַכסווער האָט הער טיסען..." ארבעטסלאָזיקײַט, אינפליאציע: „און צווישן זיצט א קינד, צי ניט קיין קינד פון גרינעם הויט און לאנגע קנאָכן", „א שטילע, דאוור־נענדיקע קריגס־אלמאָנע", „עס שיטן כמורנע ארבעטער ארויס צו די פאַבריקן". א גרענעצלאָזע אנטוישונג אין אלע געזעלשאפטלעכע אילוזיעס: „וואָס ס'איז איצטער, איז גרויל, און וואָס ס'איז געווען — איז א ליגן!" און מיליטאַריסטישע אָבערגלויבענישן, וואָס פארסאמען די לופט: אף דעם בירגערס, דעם „אונטערטאנס" פּײַפע איז אויסגעמאָלט „הער פעלדמארשאל פאָן מאקענזען". די מאכט פון דער ארמיי: „א לייטענאנט מיט א בינאָקל פירט דעם טויט אף א סיטראָיען..." אפילע די גרעסטע דײַטשישע דענקער און דיכטער פרווּוט דאָס בירגערטום שטעלן צו דינסט זײַנע מיליטאריסטישע אמביציעס, וואָס ווארטן אויס די שאָ מעקויעם צו ווערן, — מיכעל שטאָלצירט מיט „געהיימראט געטע" און גלייבט: „ס'וועט טאַגאָלאנד נאָך קניִען פאר זײַן רום" (טאגאָלאנד — אן אָנגעוואָרענע דײַטשישע קאָלאָניע אין אפריקע).

קארג, נאָר אײַנדרוקספול, אין סטיל פון א רעוואָליוציאָנערן פּלאקאט, מאָלט אונדז קולבאק דעם דײַטשישן פּראָלעטאריאט, אן אופגעשטאנענעם צו אן אָפענעם קאמף קעגן עקספּלואטאציע און נויט, קעגן דער גאנצער קאפּיטאליסטישער מעלור־כע־מאשין: „בלויז אָטעם. בלויז סינע. בלויז אויגן. א קאלטער, א גרויער מיליאָן... א מיליאָן איז געשטאנען אין ווערדינג — א גראָבער, פארבראָכענער פויסט".

קולבאק שרײַבט, דערמאָנענדיק דײַטשלאנד אין יענע יאָרן: „ס'ליגט אין בלוטיקע העלפטן די נאציע..." און מיר זעען שוין, ווי די דאָזיקע צעשפּאלטנקײַט

סטארען זיך שוין דעמאגאָגיש אויסנוצן די נאַציס, וואָס זײַנען נאָך ניט גרויס אין צאָל, נאָר ליגנעריש־פּרעך אין זייערע ווענדונגען צו דער „פאָלקס־איינהײַט", ברוטאל און אכזאָריעסדיק אינעם טעראָר קעגן די פאָרגעשריטענע קויכעס און קוי־דעמקאָל קעגן די קאָמוניסטן: „א פארבלוטיקטער מעסער טוט פלוצלינג א בליץ אין געשלעג און פארשווינדט באלד..." קולבאק זעט שוין די מאָרגנדיקע פאשיס־טישע קאדרען: „פארשלאָפן שטייט דער קײַלעכדיקער שענקער — א האלבער מאַ־לעך און א האלבער הענקער". קולבאק האָט געארבעט אף זײַן פּאָעמע, ווען דער היטלעריסטישער פאשיזם האָט זיך געריסן צו דער מאכט, נאָר אין דער פאָעמע איז שוין דאָ א וואָרעניש וועגן דער שוידערלעכער טויט־געפאר, וואָס טראָגט „א גרויסע שווערד" פאר אלע אייראָפעישע פעלקער, פאר גאָר דער וועלט...

„דיסנער טשײַלד־הארָאלד" איז געווען מוישע קולבאקס לעצטע פאָעמע. אין די דרײַסיקער יאָרן איז ער אקטיוו טעטיק אין דער פּראָזע („זעלמעניאנער"), אין דראמאטורגיע („בויטרע", „ביניאָמין מאגידאָוו"). אָבער אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור פארבלײַבט מוישע קולבאק צום אלעם ערשטן ווי א גלענצנדער דיכטער, אן ערשטראנגיקער מײַסטער, וואָס האָט באַרײַכערט די יידי־שע פּאָעזיע מיט א שלאל נײַע געדאנקען, געשטאלטן, בילדער און פאָרמעס.

ה. בעריאָזקין

אינהאלט

שיקערע פארטאָגן

וועלפישע לידער

1. „איך וויל מײַנע וועלפישע לידער דערציילן...״ 7
2. „בלוי צינדט זיך דער שניי אף דער פאַספאַרנער געגנט...״ 8
3. „ציט׳ריק באַטאַפּט די לעוואָנע די פעלדער...״ 9
4. „היי, היי, שוועך צו טראָגן הויך דעם קאָפּ...״ 10
5. „היי, א וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט...״ 11
„וועלט!..״ 12
אסאָרע דיבראיע 14
„איך בין ארויס אין פעלד מיט שווארצער ערד זיך נערן...״ 16
„עס זויפט דאָס הארץ דײַן שווארצע שײַן...״ 17
„ס׳האָט אופגעשוימט אין מיר דער אלטער ווײַן...״ 18
צווישן פעלדער 19
וועסנעדיקס 22

א דודע

1. מאזל 23
2. ראָב 24
3. ווילִיע 25

4. בערד 26
5. פאנטעליי, יעמעליאן און טיט 27
6. פארוואנדלונג 28
7. יעזוס 29
8. פאנטעליי, יעמעליאן און טיט 30
איך בין א באָכער א הולטיי 31
זומער 32

פּיערלעך קליינע

טישריי 35
„א שטיל געזאנג אין אָוונט־בלוי...״ 36
„עלנט ליד, דו זוכסט דיין רו...״ 37
געשרייען 38
„איצט איז נאָך מיין שטיבל באהאנגען מיט אייער...״ 39
„דאָס רעגנדל טריפּט...״ 40
„דער נאכט־געוועלב איז אויסגעגאָסן קאלט און רונד...״ . . . 42
„ווען כ׳האָב פאר זיך דעם לעצטן טויער...״ 43
„געזאנגען אומקלאָרע...״ 44
„עפּשער זינג איך...״ 45
„אין גאָרטן, באנאכט, אונטער בליענדע צווייגן...״ 46
„ווער גייט אין סאָד אצינד, ווער גייט?..״ 47
א לעוואָנע־נאכט 48
עס טרעפט 49
הונגער 50
„...איך טראָג די נייס אין יונג געמיט...״ 51
„ס׳לייכט ליכטיק־לינד דיין זעל...״ 52
„די ווייכע אקסלען ציטערן פון מיין באריר...״ 53
רייסיש 54
„וועסט אָנטאָן דיין גילדענעם רונג...״ 55

די כאַסענע (פאָלקס־מאָטיוון)

I. „דאָס שטיבל האָט מען אויסגעקאַלכט...״ 56
II. „דער טאַטע האָט אַוועקגעשיקט...״ 57
III. „די מאַמע זאָגט: די פורן קומען...״ 58
IV. „היי, כאָדאָראָם און כאָדאָראָם...״ 59
V. „דערלאַנגט אַהער די קאַרפּן־קעפּ...״ 60
VI. „די קאַלע זיצט אַ פריילעכע...״ 61
„מיר האָבן, ליבסטע, באַם שפּאַצירן...״ 62
דאָס ציגעלע 63

ווי אַ מאָכיקער שטיין

שטומקייט 67
עס האָט אַ מענטש 69
דאָס לעצל 70
דערקענטעניש 72
אייביק, אייביק 73
קליינע קלעזמער 74

לידער פון אַן אָרעמאַן

1. „כ׳האָב באַנאַכט שטילערהייט אויסגעשליפן...״ 75
2. „אָפן בוידעם זיצט באַנאַכט אַן אָרעמאַן...״ 76
3. „כ׳האָב דעם מענטש פון זיך אָפּגעשאָבן...״ 77
4. „אַ מענטש האָט אַ שטיבל אין וואַלד אויסגעבויט...״ 78
5. „די טפילע פון אַן אָרעמאַן, וואָס איז פאַרטײַעט געוואָרן...״ 80

אונטער דעם פארויכערטן הימל

צום בריסקער שאָלעם 83
קולטור 84
אין פאבריק 86
איַי, כאַוועָר, איַי, כאַוועָר! 87
ערד 89

פּאָעמעס

ש ט אָ ט

א. „די שטאָט...״ 95
ב. „שוויַיגעניש שטיינערנע הענגט אױף די שטיבער...״ 97
ג. „די שווארצקייַט ראָזט...״ 101
ד. „באַגינען, איך האָב זיך געפעדערט...״ 107

יאָסטע דער שמיד

צו כאַנקען 110
א. א פראָסטער, א ברויַנער 111
ב. ווען די זון פארגייט 112
ג. כאַנקע — א פיַיערדיקע קאַלע 114
ד. אין דער פינצטער 117
ה. פיַיער־פלאַם מיט פיַיער 120
ו. אינדערפרי 122

ר יַי ס ן

א. ריַיסן 123
ב. מע קאָסיעט היי 124
ג. די באָבעשי 126
ד. מע טריַיבט פליטן 127

ה. די ווילִיע און דער ניעמאַן 131
ו. דער פעטער אוראַם פּאשעט די פערד 132
ז. די באָבעשי אָלעהאַ־האשאָלעם איז אויסגעגאנגען 134
ח. נאסטאסיע 135
ט. דער פעטער איצע 137
י. ווינטער באנאכט אין דער אלטיטשקער כאטע 139
יא. אנטאָשע שפּילט אף דער באנדורע 141
יב. דער זיידעניו קומט שטארבן 144

בוניע און בערע אפן שליאך

1. אפן שליאך 146
2. א קרעטשמע 147
3. אונטער דער יאָדלע 151
4. בא א טײַך 154
5. אין דאָרף 155
6. אין א יאָדלאָוון וואלד 159
7. בא א מיל 162
8. פארטאָג 164
9. בערע שפּילט אפן האָרן 165
10. פארטאָג 169
11. באטאָג 171
12. בא דער שטאָט 172

דיסנער טשײַלד־האראָלד

I. א באן 174
II. בערלין 177
III. קרוטשקאָוו 185
IV. וועדינג 187
V. ער האָט געליבט 191
VI. פאנעם עט צירצענזעס 198
VII. דאָס צווייטע דײַטשלאנד 200

ה. בעריאָזקין. וועגן מוישע קולבאקס דיכטונג 208

מוישע קולבאק

גוט איז דער מענטש

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1979 י., 224 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1979 י. נומ. 319

קינסטלער ד. שימיליס
רעדאקטאָר א. גאָנטאר
קינסטלערישער רעדאקטאָר נ. לאוורענטיעוו
טעכנישער רעדאקטאָר ר. סאָקאָלאָווא
קאָרעקטאָרן א. סטרעלניק, כ. פּאָטאשניק
אינפאָרמאציע־ביולעטען נומ. 1574

אָפּגעגעבן אין זאץ 12.07.79. אונטערגעשריבן צום דרוק 22.11.79. פאָרמאט $70 \times 108^1/_{32}$ טיפּאָגראפיש פּאפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באדינגלעכע דרוקבויגן 9,8. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 6,29. טיראזש 1000 עקז. באשטעלונג נומ. 1454. פּרײַז 85 קאָפּ. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאס, הויז נומ. 11. באלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציִי״ פון „סאָיוזפּאָליגראפּ־פראָם״ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר איבער די אײַניאָנים פון פארלאגן, פּאָליגראפיע און בוך־האנדל. 121019, מאָסקווע, אקסאקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.

Моисей Соломонович
Кульбак

ЧЕЛОВЕК ДОБР

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1979, 224 стр.
План выпуска 1979 г. № 319

Художник *Д. Б. Шимилис*
Редактор *А. Ю. Гонтарь*
Худож. редактор *Н. С. Лаврентьев*
Техн. редактор *Р. Я. Соколова*
Корректоры *А. Б. Стрельник,*
Х. Е. Поташник

ИБ № 1574

Сдано в набор 12.07.79.
Подписано к печати 22.11.79. Формат 70×108 1/32.
Бумага тип. № 1. Высокая печать.
Усл. печ. л. 9,8. Уч.-изд. л. 6,29.
Тираж 1000 экз. Заказ № 1454. Цена 85 коп.
Издательство «Советский писатель»,
Москва, 121069, ул. Воровского, 11.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.